Lovestone, Jay.

Nayntsen hundert akht un tsvantsig.

1928

די וואַלן פאַר פּרעזידענט און די אַרבעטער

פון

דזש. לאַוועסטאָן

רויטע אַרבעטער-ביבליאָטעק — נומער 3

אַרויסגעגעבן פון דער
אידישער סעקציע וואָרקערס (קאָמוניסטישער) פּאַרטיי
30 יוניאָן סקווער, ניו יאָרק

אַפּריל, 1928
פּרייז 15 סענט

JK526
1928
L6

דזש. לאָװסטאָן

פאַרפאַסער פון

סטרייקברעכער־רעגירונג.

אַרבעטער ליוטענאַנטן פון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם.

בלוט און שטאָל.

קולידזש׳עס פּראָגראַם.

דער אמת װעגן קולידזש׳ן.

די לאַפאָלעט באַװעגונג.

1923 — די װאַלן פאַר פּרעזידענט און די אַרבעטער.

עקאָנאָמישע און פּאָליטישע לאַגע

װאָס זאָלן די ארבעטער טאָן, — הױפּטזאַכלאַך די באַװאוסט־זיניקע קעמפנדע ארבעטער, — װי אזוי זאָלן זײ זיך גרײטן צו די װאַלן פון 1928? זאָלן זײ װײטער נאָכפאָלגן די צװײ פּאַר־טײען פון קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, די דעמאָקראַטישע און רע־פּובליקאַנישע? זאָלן זײ אָרגאַניזירן אַן אײגענע, נײע פּאַרטײ? זאָלן זײ אַרבעטן אין דער ריכטונג צו אָרגאַניזירן אַ דריטע פּאַרטײ פון קלײנע קאַפּיטאַליסטן, געפירט פון אזעלכע טיפּן װי באָראַ און נאָררים? זאָלן די אַרבעטער אָרגאַניזירן אַן אײגענע קלאַסן־פּאַרטײ אויף אַ נאַציאָנאַלן מאַסן־באַזיס, אַ גרױסע לײבאָר פּאַרטי, געבױט הױפּטזאַכלאַך אויף די טרײד יוניאָנס. און װאָס איז מכח דער סאָציאַליסטישער פּאַרטײ? פאַרװאָס קעמפט די װאָרקערס פּאַרטי? װאָס זײנען די אויסזיכטן פאַר אַ פאַר־אײניקטן װאַל־צעטל פון אַרבעטער־קלאַס?

דאָס זײנען ניט קײן אַבסטראַקטע, אַקאַדעמישע פראַגן; דאָס זײנען ברענענדע פראַגן פון מאָמענט, װאָס זײנען פאַר־בונדן מיט די טאָג־טעגלאַכע קאַמפּן פון די אַרבעטער, אויס־געקניפּט מיט די פונדאַמענטאַלסטע אינטערעסן און פאָדערונגען פון גאַנצן אַרבעטער־קלאַס און עקספּלואַטירטע פאַרמערס.

די עקאָנאָמישע באַדינגונגען

זינט 1921 האָט נאָך אַמעריקע, דאָס לאַנד פון פאַרשריענער פּראָספּעריטי, ניט געזען אזא גרױסע אַרבעטסלאָזיקײט. לױט דער קאָנסערװאַטיװסטער אָפּשאַצונג פון דער רעאַקציאָנערער קולידזש אַדמיניסטראַציע, זײנען זעקס אַרבעטער פון יעדער הונ־דערט, װאָס האָבן פאַראַיאָרן אין דער צײט געאַרבעט, איצט אַרבעטסלאָז. װינציקסטנס צװעלף פון יעדע הונדערט אַרבעטער, װאָס זײנען געװען באַשעפטיקט אין 1923, זײנען איצט אָן אַרבעט.

שכירות װערן אַלץ אָפּטער געשניטן. װי געװײנלאַך, זײנען די ניו ענגלאַנדער טעקסטיל מילן די װעג־װײזער אין שנײדן שכירות. די ניט־יוניאָניזירטע קױלן־פעלדער בלײבן ניט הינטער־שטעליק און גרײטן צו נײע רעדוקצירונגען אין שכירות. מען רעדט

285407

וועגן שניידן וויידזשעס אין דער שטאל אינדוסטריע. מיט שטייגנדער רעגולערקייט הערט מען וועגן שניידן שכירות אין דער בוי־אינדוסטריע. די אייזנבאן מאגנאטן פון דער וועסט זאגן זיך אפ צו באוויליקן די מאגערע עטלאכע סענט א טאג, וואס די לאקאמאטיוו פייערמען און אינזשינערן האבן געוואונען מיט א געוויסער צייט צוריק.

אין לויף פון לעצטן יאר איז דער סך הכל פון „פעי־ראל" געפאלן ארום אכט סענט אופ'ן דאלאר. פאר יעדן דאלאר אין שכירות, וואס דער דורכשניטלאכער ארבעטער האט געקראגן מיט צוועלף חדשים צוריק, קריגט ער איצט ארום ניינציק סענט. דער אלגעמיינער סך הכל פון שכירות איז היינט ווינציקסטנס מיט עלף פראצענט קלענער, ווי אין 1923. די שטאטישע לאדזשינג הייזער אין ניו יארק האבן היינטיקן יאר „צוגעדעקט אונטער זייער דאך" מער ווי אין וועלכן עס איז יאר פריער. שיקאגא גרויסט זיך איצט מיט די לייִנגסטע ברויט־ליינס זינט 1913. אין אמאהא איז די עקאנאמישע לאגע אזוי אומדערטרעגלאך פאר די גרויסע מאסן ארבעטער, אז אן ארבעטער פרוי איז געווען גרייט באצייטנס צו פארקויפן איר קערפער, צו פאלמעסן פאר אנאטאמיע אין א לאקאלן שפיטאל, כדי זיך איינשאפן שפייז פאר אירע הונגערנדע קינדער.

ניט קוקנדיק אויף די געשרייען וועגן פארם פראספעריטי, זיינען די פארמערס נאך אלץ אין טיפן אפגרונט. כאטש דער תבואה־שניט פון לעצטן יאר איז געווען דער גרעסטער אין דער געשיכטע פון לאנד (חוץ 1916 און 1920), איז אבער דער ווערט פון דער תבואה, צוזאמען מיט אנדערע פארם פראדוקטן, געפאלן אויף זעקס הונדערט מיליאן דאלאר אין די לעצטע צוועלף חדשים.

קורץ גערעדט: קולידזש'עס זייפנבלאז און בלאף וועגן פראספעריטי האט געפלאצט. די ריכטונג פון האנדל און אינדוסטריע איז אומצווייפלהאפט בארג ארונטער. די ארבעטער הויבן עס אן צו דערפילן. אין די לעצטע זעקס חדשים איז דער עקאנאמישער צוריקטריט געווארן שארפער. דאס וואס די ארבעטער האבן אפגעשפארט אין די בעסערע צייטן פון א יאר צוריק, פארשווינדט שנעל. פאקטיש האט די אזוי גערופענע פראספעריטי כמעט קיינמאל ניט דערגרייכט די ניט־קוואליפיצירטע און האלב־געשולטע ארבעטער אין די פאראייניקטע שטאטן.

פראפעסאר אירווינג פישער פון דער יעיל יוניווערסיטי, איינער פון די אויסגעפרואווטסטע און געטרייסטע פארטרעטער פון די גרויס־קאפיטאליסטישע אינטערעסן אין לאנד, האט ניט לאנג צוריק דערקלערט, אז די אמעריקאנער מאסן לעבן אין ארעמקייט און נויט. לויט א גענויער אונטערזוכונג וואס ער האט געמאכט, ווייזט זיך ארויס, אז ווינציקסטנס 93 מיליאן מענטשן פון אונזער באפעלקערונג מאכן קוים אויף הוצאות. זייער דורכשניטלאכער יערלאכער איינקונפט איז העכסטנס 5 הונדערט דאלאר. אט דער איינקונפט איז קוים גענוג צו דערהאלטן די 93 מיליאן מענטשן, „ביי דעם נידעריקסטן שטאפל פון געזונט און מענטשלאכן אויסזען". אין אט דער אומגעהויערער מערהייט פון דער באפעלקערונג פון די פאראייניקטע שטאטן זיינען איינגעשלאסן די גרויסע מאסן ארבעטער, די עקספלואטירטע פארמער און א גרויסער טייל פון מיטל־קלאס.

די באלדיקע פאליטישע לאגע

שוין יארן אז מיר האבן ניט געהאט קיין גרויסע, וויכטיקע אישו, וואס זאל אויפטרייסלען דאס לאנד. מיר האבן ניט געהאט אזעלכע פראבלעמען, מיט וועלכע אמעריקע איז געשטאנען פנים אל פנים באלד נאך דער מלחמה. עס זיינען ניט געווען קיין פראבלעמען, וואס זאלן צוטיילן די באפעלקערונג אין שארף־דעפינירטע, פיינטלאך צוטיילטע פאליטישע לאגערן, אדער אזעלכע פראגן, וואס זאלן אריינטראגן א שארפע צוטיילונג אין די רייען פון די עקזיסטירנדע פאליטישע פארטייען. לויט אונטערזוכונגען ווייזט זיך ארויס, אז אין 1926 האבן מיר געהאט די קלענסטע צאל סטרייקס און אינדוסטריעלע סכסוכים, זינט מיר זיינען געווארן אן אינדוסטריעלע נאציע.

אין 1922 און 1924 האבן מיר געזען אזעלכע שארפע אישוס. אט די אישוס — דער אגריקולטורעלער קריזיס, צום ביישפיל — זיינען דאן געווען שארפער ווי היינט, און האבן זיך איבערגעפורעמט אין פאליטיש־פארשארפטע באציאונגען. עס זיינען אויך געווען שארפע און פארוויקלטע סתירות, צווישן די ארבעטער און ארבעטסגעבער. מיר דארפן בלויז דערמאנען די כוואליע פון גרויסע סטרייקס אין 1922. מיר האבן זיכער ניט פארגעסן די שארפע אגריקולטורעלע דעפרעסיע, וואס האט דאן

געהערשט אין לאנד. ביידע טרייב־כוחות צוזאמען האבן געפירט צו דער ארגאניזירונג פון דער לאפאלעט באוועגונג, וואס איז געווען א באוועגונג פאר א דריטער פארטיי, געפירט פון די קליינבירגער און געשטיצט פון גרויסע מאסן ארבעטער. זינט דאן האבן מיר ניט געזען אזעלכע וויכטיקע דערשיינונגען. איצט אבער זעען זיך סימנים פון וויכטיקע געשעענישן. סיי אין לאנד, סיי אין אויסלאנד זיצט איצט די אמעריקאנישע קאפיטאליסטישע רעאקציע פעסט אין זאטל.

דער זיבעציקסטער קאנגרעס האט זיך געעפנט אונטער'ן שאטן פון אן אומגעהויערער לאבי פאר די גרויס־קאפיטאליסטישע אינטערעסן. די געזעצגעבונג קעגן ארבעטער־קלאס, הויפטזאכלאך קעגן פרעמד־שפראכיקע ארבעטער, איז אין פולן שוואונג: אין דער רעפובליקאנישער פארטיי פירט הואווער — דער פארטרעטער פון די באוואוסטזיניקסטע קאפיטאליסטישע אינטערעסן, וועלכער איז פולשטענדיק אינדארסירט פון די אויל־מאגנאטן און פון נאווערנאר פולער, דער מערדער פון סאקא און וואנזעטי — די קאמפאניע, צו פארנעמען דעם פלאץ פון „קעניג" קולידזש. אין דער דעמאקראטישער פארטיי איז גאווערנאר סמיט — וועלכער האט געארבעט אווערטיים צו רואינירן די נאדל־טרייד ארבעטער, און וועלכער האט צוגעדעקט די זעלטנסטע עקזעמפלארן פון קארופציע וואס טעמעני האל האט געקאנט ארויסגעבן פון זיך, — דער קאנדידאט פאר דער דעמאקראטישער פרעזידענט־נאמינאציע. די אזוי־גערופענע פראגרעסיווע, די זעלבסט־געקרוינטע אינסורגענטן, געפירט פון נאררים און בארא האבן אינגאנצן דעזערטירט. פאררעטעריש איז אין דעם פרט געווען דער אזוי גערופענער פארמער־לייבאר סענאטאר שיפסטעד פון מענעסאטא, וועלכער איז איצט פאקטיש רעגיסטרירט אלס רעפובליקאנער.

די אימפעריאליסטן מאכן איצט זייערע ענערגישסטע פארזוכן אויסצובררייטערן און פארפעסטיקן זייער מאכט צו באהערשן די וועלט. א ספעציעלע קאמפאניע ווערט געפירט קעגן די לאטיינישע לענדער אין אמעריקע, ווי מעקסיקא און אנדערע אויף דער צווייטער זייט פון ריא גראנדעי. כדי די שוואכערע פעלקער זאלן זיך גרינגער אונטערווארפן אונטער'ן קנאפל פונ'ם יענקי אימפעריאליזם, ווערן געשיקט אהין אזעלכע פייקערישע „גוד־וויל" שליחים ווי לינדבערג: פרעזידענט קולידזש אליין, צוזאמען מיט'ן סטייט סעקרעטערי קעלאג און יוז — יארן לאנגדינער פון די גרעסטע אויל קארפארייש אנס, — האבן זיך מטריח געווען אויף א קריגס־שיף קיין האוואנע, קיובא, כדי צו געבן דעם געהעריקן „טאן" און שאפן די „אטמאספערע" וואס זיינען נויטיק פאר די מאניפולאציעס פון יענקי אימפעריאליזם. אין דער צייט וואס די שלוחים פון וואל סטריט ריידן וועגן פרידן, שלאכטן זייערע מארינען אוים מאסן ניקאראגוער וואס קעמפן פאר נאציאנאלער באפרייאונג.

דער שווייגנדיקער „עקאנאמישער" קולידזש קוויטשעט איצט פאר מיליאנען דאלאר, פאר דער נייווי. זינט דעם דורכפאל פון דער זשענעווער פלאטן־אנטוואפנונגס קאנפערענץ, ווערט די פיינטשאפט צווישן ענגלאנד און אמעריקע אלץ שארפער און שארפער. די פאראייניקטע שטאטן מאכט א פארזוך אויסצומאנעווריר ן ענגלאנד, דורך א גאנצער ריי אזוי־גערופענע פרידנס־מאנעווערעס מיט דער פראנצויזישער אימפעריאליסטישער מאכט. די בלוטיקע לאפע פון יענקי אימפעריאליזם צעשפרייט זיך איבעראל. וואל סטריט רייסט זיך אלץ מער אריין אין נאענטן, צענטראלן און ווייטן מזרח. דער פראצענט פון די רעגירונגס־אויסגאבן אין 1927, פאר פארגאנגענע און קומענדע מלחמות, באטרעפט 82 סענט נעט פון יעדן דאלאר. זינט 1913 האט די פעדעראלע רעגירונג פארגרעסערט די מיליטערישע און פלאטן אויסגאבן אויף 124 פראצענט. דאס איז באלד צוויי מאל אזוי פיל ווי די מיליטערישע אויסגאבן וואס ענגלאנד האט פארגרעסערט, מער ווי אכט מאל אזוי פיל פון איטאליע און ארום זעכציק מאל אזוי פיל פון דער פראפארציע פון די פראנצויזישע מיליטערישע אויסגאבן, פאר דעם זעלבן פעריאד.

די כינעזישע מיליטאריסטן און אימפעריאליסטן האבן צוזאמען מיט'ן אמעריקאנער אדמיראל בריסטאל, געפלאנעוועט זייער בארבארישע שחיטה אויף די ארבעטער אין קאנטאן און אויף די פויערים אין די פראווינצן.

אין דער זעלבער צייט ווערט אלץ גרעסער דער ווידערשטאנד צו דער פארשטארקונג פון אמעריקאנער אימפעריאליסטישער מאכט. שוין איצט האבן די אייראפייאישע קאפיטאליסטן ארגאניזירט א היבש ביסל גיגאנטישע קארפאראציעס, כדי צוריקצושלאגן דאס ארייַנדרינגען פון אמעריקאנער קאפיטאליזם אין

וועלט־מאַרק. דייטשלאַנד און גרויס־בריטאַניע העכערן זייערע טאַריפן קעגן געוויסע אַמעריקאַנער סחורות. ענגלאַנד באַקלאָגט זיך ווידער אויף דער שווערער משא פון די מלחמה חובות. די שוועריקייטן, וואָס אַנטוויקלען זיך אין דאָזן פּלאַן, שאַפן נאָך מער ביטערקייט אין דער אייראָפּייאישער בורזשואַזיע און פאַרשטאַרקן איר אומוויליקייט פּאַרצוזעצן צאָלן וואוכער־געלט צו וואָלט סטריט.

די לאַגע אין דער אַרבעטער־באַוועגונג

די גאַנצע טרייד יוניאָן באַוועגונג פירט אַ פאַרצווייפלטן קאַמף. די טרייד יוניאָנס זיינען אין געפאַר פון פאַרניכטונג. די אָנשטרייגונג צו ראַטעווען אַפילו די קאָנסערוואַטיסטע יוניאָנס, וואַקסט אַלץ מער אויס אין אַ הויפּט־קאַמף אין דער אַרבעטער באַוועגונג. די אַמאָל מעכטיקע יונייטעד מיין וואָרקערס אָוו אַמעריקע איז איצט פּאַקטיש פּאַראַליזירט — אַ קרבן פון פינסטערסטן פאַרראַט אויף די שוואַרצסטע בלעטער אין דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג. לואיס, מאָרעי און זייערע געהילפן, געשטיצט פון וואָל, גרין און די גאַנצע קאַמאַריליע פון טרייד־יוניאָן ביוראָקראַטן, האָבן אויסגעזויגן דאָס סאַמע לעבנס־זאַפט פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אַמאָל געווען דער ווירקזאַמסטער קאַמפּס־כוח אין דער טרייד יוניאָן באַוועגונג. די לייבאָר ביוראָקראַטן דערלאָזן איצט ניט די אַרבעטער פון לאַנד צו קומען צו הילף די מיינער; זיי דערלאָזן אַפילו ניט קיין רעליף אַרבעט פאַר די מיינער, וואָס שטייען אונטער'ן פייער פון שוידערלאַכסטן טעראָר, אָנגעפירט פון דער רעגירונג און קאָמפּאַני נאָרילאַס, אין אָהייאָ, פּענסילוועיניע און קאָלאָראַדאָ.

אַ פאַרניכטנדע אינדזשאָנקשאָן מגפה באַדראָט די אַרבעטער פון גאַנצן לאַנד. ווען מען זאָל באַטראַכטן די איצטיקע אינדזשאָנקשאָנס, פון אַזאַ ריכטער ווי שונמייקער, קעגן די מיינער אין פּענסילוועיניע, וועט מען זען, אַז די אינדזשאָנקשאָנס פון אַ דאָהערטי אָדער פּאַלמער קעגן מיינער און אייזנבאַן אַרבעטער אין 1922-1919, זיינען געווען ניט מער ווי דאָקומענטן וואָס האָבן די אַרבעטער „דערמוטיקט“ צום קאַמף.

די פּראָגראַם פון די קאַפּיטאַליסטן איז קלאָר. אויף אַזוי פיל אויף וויפיל אַפילו די קאָנסערוואַטיווסטע יוניאָנס באַשטימען

אַ בעסערן לעבנס־סטאַנדאַרד פאַר די אַרבעטער, ווילן זיי עס פאַרניכטן. זיי ווילן פאַרניכטן אַפילו די אָפּגעשטאַנענסטע, פאַרשימלטע קרעפט יוניאָנס. אין דערזעלבער צייט שטעקן די לייבאָר ביוראָקראַטן ניט אַריין קיין פינגער אין קאַלט וואַסער צו רופן די אַרבעטער צו אַ ווידערשטאַנד קעגן די קאַפּיטאַליסטישע פאַרשווערער. אָט די פּאָליסי, וואָס קאָסט שוין די אַרבעטער אַזוי טייער, העלפט פּאַקטיש די באַלעבאַטים צושמעטערן די בראַווסטע קעמפער, ווי דער ביישפּיל ווייזט מיט די ניו יאָרקער נאָדל טרייד יוניאָנס. וואָל, גרין און זייער גלייכן פּלאַנעווען אונטערצוגעבן אַלע רעכטן, וואָס די אַרבעטער האָבן געוואונען אין לויף פון פילע יאָרן ביטערן קאַמף.

אין אָט דעם פאַרראַט שפּילט די אָפיציעלע פירערשאַפט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אַן אַקטיווע און ענטוזיאַסטישע ראָלע. די אַזוי גערופענע סאָציאַליסטן העלפן — און גאַנץ אָפט ווייזן זיי דעם וועג — אַרויסצוואַרפן די קעמפנדע אַרבעטער און קאָמוניסטן פון די יוניאָנס. זיי סאַבאָטאַזשעווען יעדן פאַרזוך צו אַנטוויקלען אַ לייבאָר פּאַרטיי, אָדער צו אָרגאַניזירן אַ פאַראייניקטן וואָל־צעטל פון די אַרבעטער אין די קומענדע פּרעזידענט־עלעקשאָנס.

נאָר זאָל קיינער ניט טראַכטן אַז עס זיינען ניטאָ קיין אורזאַכן פאַר אָפּטימיזם. עס ווייזן זיך אַלץ מער סימנים פון וואַקסענדן קאַמף. דער העראָאישער קאַמפּס־גייסט פון די מיינער, נאָך אַ יאָר ביטערן שטרייט, ווייזט אַז עס איז פאַראַן גענוג ווידערשטאַנדס־קראַפט און קעמפנדער לעבן אין די אַרבעטער־מאַסן. די גייסטרייכע אַנטשלאָסנקייט פון די נאָדל־טרייד אַרבעטער און זייערע פירער אין לינקן פליגל, ווייזן, אַז די אַרבעטער ווילן קעמפן ביז צום סוף, כדי צו ראַטעווען זייערע יוניאָנס. די וואַקסנדע סימפּאַטיע פאַר'ן סאָוועטנפאַרבאַנד אין די רייען פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער — ניט קוקנדיק אויף די קאַמפּאַניעס פון פאַרלוימדונגען און טעראָר מצד גרין און וואָל — איז אַ האָפנונגספולער אָנדייט. און צום סוף איז פון גרויס וויכטיגקייט דאָס קראַכן פון די וואַקזיניקע הויך־פינאַנציעלע באַנקמאַכינאַציעס פון דער בראָדערהוד אָוו לאָקאָמאָטיוו אינזשענערן, וואָס האָט אָפּגעקילט די היץ אַפילו ביי די הייסעסטע אָנהייגער פון לייבאָר באַנקן און זייערע קלאַסן־שלום מאַכינאַציעס.

צווייטער קאַפּיטל:

די פּאָליטישע פאַרטייען און זייער ראָלע

לאָמיר געדיינקען וואָס מיר האָבן ביז איצט גערעדט, און אונטערזוכן די פּאָליטישע פאַרטייען. וואָס זיינען זיי אַזוינס? צוליב וואָס זיינען זיי דאָ?

ערשטנס, מוז מען פאַרשטיין, אַז פּאָליטישע פאַרטייען זיינען ניט קיין צופעליקע חברות, וואו עס קומען זיך צוזאַמען איינצלנע מענטשן. פּאָליטישע פאַרטייען זיינען די כחות און וואָפן פון קלאַסן־מלחמה. וו צעטומלט עס זאָל ניט זיין, פּאָליטיש, די מיטגלידערשאַפט און אַפילו אַ טייל פירער פון אַ פּאָליטישער פאַרטיי; ווי צוריקגעשטאַנען עס זאָלן ניט זיין די נאָכפאָלגער פון אַ וועלכער ניט איז פּאָליטישער פאַרטיי, איז אַ פּאָליטישע פאַרטיי דאָך דער טרייב־כח פון קלאַסן־מלחמה. די פאַראייניקטע שטאַטן האָט פאַרטייען, ביי וועלכע דער כאַראַקטער, די פאָרם און די סטרוקטור איז באַשטימט געוואָרן דורך די ספּעציפישע, אָביעקטיווע באַדינגונגען אין לאַנד. טאַקע דערפאַר זעען מיר ביי אונז אין לאַנד געוויסע פּאָליטישע דערשיינונגען, וואָס זיינען אינגאַנצן אַנדערש פון די דערשיינונגען אין די אייראָפּייאישע לענדער.

די רעפּובליקאַנער פאַרטיי מיט איר רעגירונגס פּערסאָנאַל, אירע נאָכפאָלגער און פירערשאַפט, וואָלט אין אַזאַ לאַנד ווי פראַנקרייך געווען צוטיילט אפשר אין דריי פאַרטייען; אין אַ לאַנד ווי דייטשלאַנד אָדער טשעכאָסלאָוואַקיע, וואָלט זי מעגלאַך געווען צוטיילט אין פיר פאַרטייען. אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן מיר אין איין רעפּובליקאַנישע פאַרטיי מר. קולידזש, מר. נאָררים, מר. באָראַ, מר. לאַפאָלעט, מר. דאָוז און די באַקאַנטע וועיר און סמיט. אין דער רעפּובליקאַנישער פאַרטיי זיינען די גרויס־קאַפּיטאַליסטישע אינטערעסן, די הערשנדע ריכטונג, פאַרטראָטן דורכ'ן קולידזש'ן. אין דערזעלבער צייט ווערן די קליינבירגערלאַכע אינטערעסן, פאַרטראָטן דורך באָראַ, נאָררים און לאַפאָלעט, פאַררוקט אין הינטערגרונט.

וואָס זיינען די ספּעציפישע אַמעריקאַנער באַדינגונגען, וואָס שאַפן אַזאַ ווידערשפּרעכלאַכע לאַגע אין איין פּאָליטישער פאַרטיי? די צוויי פונדאַמענטאַלע באַדינגונגען זיינען:

1. אין אַמעריקע זיינען ביז מיט עטלאַכע יאָר צוריק די קלאַסן־ליניען פאַרהעלטניסמעסיק ניט געווען שאַרף און די קלאַסן־צוטיילונגען זיינען געווען אין אַן אומבאַשטימטן צושטאַנד. דאָס איז פאַרוואָס די פּאָליטישע פאַרטייען שליסן איין אין זיך, ביז אַ געוויסן גראַד, ברייטערע קרייזן; דאָס איז גערעדט אין דעם זין, וואָס זיי דריקן ניט אויס אַזוי שאַרף ווי איניקע אייראָפּייאישע קאַפּיטאַליסטישע פאַרטייען, באַשטימטע קלאַסן־אינטערעסן און בלייבן דאָך אין לעצטן סך הכל פאַרטייען, וואָס רעפּרעזענטירן מיט זיך פונדאַמענטאַלע קלאַסן־אינטערעסן.

2. די סטרוקטור פון דער רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן איז געבויט אויף דער צוויי־פאַרטייאישער סיסטעם. חבר לעניין, אַנאַליזירנדיק די וואַלן וואָס זיינען געהאַלטן געוואָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין 1912 און עקזאַמינירנדיק די רוזוועלט באַוועגונג, האָט געזאָגט:

„אָט די צוויי־פאַרטייאיקע סיסטעם איז איינע פון די מעכטיקסטע מיטלען ניט צו דערלאָזן צו אָרגאַניזירן אַ זעלבסטשטענדיקע אַרבעטער פאַרטיי.“

מען קאָן נאָך צוגעבן, אַז די צוויי־פאַרטייאיקע סיסטעם האָט געהינדערט דאָס אָרגאַניזירן וועלכע ניט איז מינאָריטעט פאַרטייען. דאָס איז דערפאַר, וואָס טיילווייזע אינטערעסן פון געוויסע גרופּן, אין צייטן ווען די קלאַסן־ליניען זיינען ניט גענוג שאַרף, קריגן לאָקאַלן אויסדרוק אין די ראַמען פון די רעפּובליקאַנישע און דעמאָקראַטישע פאַרטייען.

אין די לעצטע 25 יאָר האָט זיך די צוויי־פאַרטייאיקע סיסטעם אַ טרייסל געטאָן בלויז צוויי מאָל: איינמאָל אין 1912, פון וואָס עס איז אַרויסגעוואַקסן די רוזוועלט שפּאַלטונג אין דער רעפּובליקאַנישער פאַרטיי; דאָס צווייטע מאָל אין 1924, וואָס האָט זיך קולמינירט אין דער לאַפאָלעט באַוועגונג, וועלכע האָט געצויגן די גרעסטע צאָל שטימען, וואָס וועלכע ניט איז מינאָריטעט פאַרטיי האָט ווען עס איז געצויגן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דאָס איז געווען אַ פאַרזוך פון די קליינבירגערלאַכע עלעמענטן, אין און אויסער דער רעפּובליקאַנישער פאַרטיי, צו נעמען אויף זיך די פירערשאַפט ניט בלויז פון די אַרבעטער, נאָר פון גאַנצן לאַנד.

די טענדענץ פון די נייע אַנטוויקלונגען אין די לעצטע יאָרן

און די ענדערונגען אין די קלאַסן־באַציאונגען, איז אונטערצוגראָבן די צוויי־פאַרטייאיקע סיסטעם. די דאָזיקע סיסטעם פאַרבלייבט אָבער אַן אינטעגראַלער (ניט צוטיילבאַרער, צונויפגעוואַקסענער) טייל פון דער רעגירונגס סטרוקטור. די דאָזיקע סיסטעם מוז אַרונטערגעריסן ווערן און זי קאָן געבראָכן ווערן בלויז דורך אַ פאַרבאַנד פון אַרבעטער און עקספּלואַטירטע פאַרמער. אויף אַזוי פיל אויף וויפיל וועלכע ניט איז באַוועגונג, אָדער כח, טרייבן צום איבערברוך אין דער צוויי־פאַרטייאיקער סיסטעם אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איז אַזאַ פאַרבאַנד אַ פּראָגרעסיווער כח, אַ פּראָגרעסיווע באַוועגונג, כאָטש צייטווייליק וועט עס אוועקשטעלן נייע געפאַרן אין וועג פון די אַרבעטער.

כדי צו דערגרייכן דעם צוזאַמענברוך פון דער צוויי־פאַרטייאיקער סיסטעם מוזן די אַרבעטער און עקספּלואַטירטע פאַרמער אָרגאַניזירן אַן אייגענע קלאַסן־פאַרטיי, און אַפילו ניט אין מינדעסטן פאַרלאָזן זיך אויף גוטע מענטשן פון די קליינבירגער, אויף די אַזוי גערופענע פּראָגרעסיסטן, רעפּובליקאַנישע אינסורגענטן, אָדער אויף אַ דריטער קאַפּיטאַליסטישער פאַרטיי.

די רעפּובליקאַנישע פאַרטיי

די רעפּובליקאַנישע פאַרטיי איז, פּשוט גערעדט, די פאַרטיי פון די גרעסטע קאַפּיטאַליסטישע אינטערעסן אין לאַנד. זי באַהאַלט עס אַפילו ניט. אַלץ וויינציקר און וויינציקער זוכט זי צו מאַכן דעם איינדרוק, אַז זי פאַרטרעט דאָס גאַנצע פאָלק. וואָל סטריט אינדאָרסירט אָפן קולידזש'ן, און קולידזש באַגריסט יעדע הילף פון וואָל סטריט. „וואָל סטריט און ‚ביג ביזנעס' וועלן וואַרשיינלאַך ניט געפינען קיין איינעם. וועמען זיי וועלן האָבן מער גערן, ווי קולידזש'ן," זאָגט די „וואָרלדס וואָרק" פאַר אָקטאָבער, 1927 (זייט 577).

פון 1922 ביז נאָוועמבער 1924, האָבן די קליינבירגער פון שטאָט, און אין אַ גרויסער מאָס די פאַרמער מאַסן, פאַרלאָזן אין גרויסע צאָלן די רעפּובליקאַנישע פאַרטיי. נאָך לאַפאָלעט'ס נידערלאַגע, האָט זיך דאָס קליינבירגערטום אומגעקערט צוריק אין די רעפּובליקאַנער רייען. זיי זיינען געשטאַנען אין דער רעפּובליקאַנישער פאַרטיי און האָבן ערשט ניט לאַנג צוריק, ווען עס איז פאַרשאַרפט געוואָרן די אַגריקולטורעלע און אינדוסטריעלע לאַגע,

ווידער געוויזן סימנים צו דערזערטירן. ווען מיר אונטערזוכן דעם נאָררים־באָראַ אינסורגענטן בלאָק, ווערט אַלץ פאַרשטענדלאַכער די וויכטיקייט פון דער דאָזיקער אַנטוויקלונג.

די רעפּובליקאַנישע פאַרטיי האָט געהאַט דריי הויפּט שטופּן פון אַנטוויקלונג. אין אַ געוויסער צייט איז זי געווען אַ קעמפנדע פאַרטיי פאַר סאָציאַלן פּראָגרעס. דאָס איז געווען די ערשטע שטופּע. אין יענער צייט האָבן די אַרבעטער געשפּילט אַ באַדייטנדע ראָלע אין איר און האָבן געהאָלפן איר אַנטוויקלונג. אין אָט דעם פּעריאָד איז די היסטאָרישע מיסיע פון דער רעפּובליקאַנישער פאַרטיי געווען צו שטיצן די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם און צוליב דעם קעמפן קעגן נעגער־שקלאַפעריי.

די צווייטע שטופּע אין דער אַנטוויקלונג פון דער רעפּובליקאַנישער פאַרטיי איז געווען צו העלפן אַנטוויקלען דאָס לאַנד אינדוסטריעל און פינאַנציעל, צו פאַרפעסטיקן זיך אַלס די מעכטיקסטע קאַפּיטאַליסטישע מלוכה אין דער וועלט. אין אָט דעם פּעריאָד איז דאָס געווען די פאַרטיי פון אַ „פולער שיסל" („פול דינער פּעיל") און „פּראָספּעריטי" — די פאַרטיי פון באַוואוסטזיניקער אַנטוויקלונג און אָפענער געהאָרכזאַמקייט צו די גיגאַנטישע אינדוסטריעלע און פינאַנציעלע אונטערנעמונגען.

איצט איז די רעפּובליקאַנישע פאַרטיי אין איר דריטער און לעצטער סטאַדיע. זי טרעט אָפן און אומפאַרשעמט אַרויס ווי די אַגענטור פון קאַפּיטאַליסטישן מאָנאָפּאָל, און איר הויפּט מיסיע איז צו דערהאַלטן די עקזיסטירנדע פאַראָנדקעס און אויפצוהאַלטן דעם אויבערשטן שיכט פון דער בורזשואַזיע, אַלס הערשנדן קלאַס. דער אמת'ער לאָזונג פון דער רעפּובליקאַנישער פאַרטיי אין איצטיקן מאָמענט איז: „שאָקל ניט די שיף". (דאָנ'ט ראָק די באָוט"). יעדער איינער, וואָס מאַכט נאָר וועלכן ניט איז פאַרזוך צו ענדערן די עקזיסטירנדע לאַגע, שאָקלט די שיף פון קאַפּיטאַליסטישער פּראָספּעריטי.

איז אָבער די רעפּובליקאַנישע פאַרטיי אויסגעגאָסן פון איין שטיק? זיכער ניט! אין דער דאָזיקער פאַרטיי זיינען פאַראַן די גרויס האַנדלס־אינטערעסן פון מיטל־אַטלאַנטישע און מזרח שטאַטן און פון דער מידל־וועסט: געוויסע שיכטן פאַרמער פון דער מידל־וועסט און אַפילו קליינבירגערלאַכע עלעמענטן פון די ווייטע מערב־שטאַטן. די פּירערשאַפט, וואָס ליגט אין די הענט

פון די גרויס־קאפיטאליסטן, ווערט נאך אומצווייפלהאפט פון קיינעם ניט געטשאלענדזשט. דא און דארטן מעג זיך עמיצער פארמעסטן מיט אן ארויסרוף. עס איז אויגנשיינלאך, אז די ווידערשפרוכן אין קאפיטאליסטישן קלאס שפיגלען זיך אפ אינ־ווייניק פון דעם קאפיטאליסטישן קלאס גופא, און דערפאר קומען זיי צום אויסדרוק אין דער רעפובליקאנישער פארטיי. די גרויס־קאפיטאליסטן זיינען נאך אבער אלץ בכח אנצוהאלטן זייער פירערשאפט איבער דער ריזיקער מערהייט פון קליינבירגער, פאר־מער און ארבעטער מאסן. ניט קוקנדיק אויף דער גאנצער הילף, וואס די ביוראקראטן פון דער אמעריקען פעדערייששאן אוו לייבאר האבן געגעבן דער דעמאקראטישער פארטיי, האט אבער די רע־פובליקאנישע פארטיי נאך אלץ מער ארבעטער נאכפאלגער, ווי די דעמאקראטן.

די דעמאקראטישע פארטיי

די דעמאקראטישע פארטיי איז געבארן געווארן און זיך אנטוויקלט אין א צייט ווען זי איז געווען דער ארגאן און איז געווארן דער קלאסן־געווער פון יענע כחות אין לאנד, וואס האבן געקעמפט קעגן פעדעראליזם, קעגן דער עטאבלירונג פון א מעכטי־קער צענטראליזירטער רעגירונג. אין יענער צייט האט די דעמא־קראטישע פארטיי געהאט דורכצופירן א קאנסטרוקטיווע פונקציע אין דער אנטוויקלונג פון די פאראייניקטע שטאטן.

עס איז געקומען דער בירגער־קריג. וואס איז דאן געווען די פאזיציע פון דער דעמאקראטישער פארטיי און איר באציאונג צו דער פראגע פון נעגער שקלאפעריי? ניט קוקנדיק אויף די גע־ענדערטע סאציאלע באדינגונגען, איז זי דאך באשטאנען אויף דאס שטאטס־רעכט פון יעדן שטאט באזונדער, און איז פאקטיש געווארן די פארטיי וואס האט פארטיידיקט שקלאפעריי, קעגן די העכערע פארמען פון קאפיטאליסטישער אנטוויקלונג.

זינט דאן זיינען די קאנדידאטן פון דער דעמאקראטישער פארטיי ניט דערוויילט געווארן קיין איין מאל פאר פרעזידענט פון די פאראייניקטע שטאטן. (מיט'ן אויסנאם פון דער צייט ווען זי האט געקראגן א געלעגנהייט דורך דעם אויפשוואונג פון דער פאפוליסטישער פארטיי און די צוטיילונג וואס די רוזוועלט־באוועגונג האט אריינגעטראגן אין די רעפובליקאנער רייען.) אין

1920 זיינען בלויז 127 פון 531 עלעקטאראלע שטימען אפ־געגעבן געווארן פאר'ן דעמאקראטישן פרעזידענט־קאנדידאט: אין 1924 זיינען 130 שטימען אפגעגעבן געווארן פאר די דעמאקראטן.

די דעמאקראטישע פארטיי איז איינע פון די אמעריקאנער מערקווירדיקייטן פון קלאסן־אויסדרוק. פונדאמענטאל פארטרעט זי די זעלבע אינטערעסן ווי די רעפובליקאנישע פארטיי, מיט דעם, וואס זי שטייט אומקאמפראמיסלאך פאר דער קאפיטאליס־טישער סיסטעם. איינער פון די פירנדע גייסטער אין דער רע־פובליקאנישער פארטיי האט ניט לאנג צוריק עדיטאריעל דער־קלערט אין „ווארלדס ווארק": „מענטש צו מענטש, אויג אויף אויג ווייס יעדער איינער, אז די רעפובליקאנישע און דעמא־קראטישע פארטייען האבן ניט קיין פונדאמענטאלע אונטערשיידן." דאס איז דער ריינער אמת. מיר דארפן דאס אבער ניט אויפ־נעמען אויבערפלעכלאך. עס זיינען פאראן געוויסע אונטערשיידן צווישן דער רעפובליקאנישער און דעמאקראטישער פארטיי. די דאזיקע אונטערשיידן ווערן אבער אלץ ווינציקער און ווינציקער.

די דעמאקראטישע פארטיי איז א קאאליציע פון פארשידענע אפאזיציאנעלע עלעמענטן אינווייניק פון דער בורזשואזיע; נאר זי פארמאגט אזא מין צוגאנג צו די ארבעטער מאסן פון לאנד, וואס איז אנדערש ווי דער צוגאנג פון דער רעפובליקאנישער פארטיי. זי פאזירט נאך אלץ דא אדער דארטן, הויפטזאכלאך אויף לאקאלע אישוס, אלס פריינט פון די ארבעטער. די רע־פובליקאנישע פארטיי האט שוין אפילו אנגעווארן דעם לאזונג פון א „פולער שיסל". זי בארימט זיך איצט מיט גרויסע דיווי־דענדן, הויכע אייזנבאן פראפיטן, ריזיקע סטאק בירזשעס און פראספעריטי. זי פרובירט אפילו ניט מאכן דעם איינדרוק, אז זי אפעלירט צו די ארבעטער, אויף אזוי פיל כאטש ווי די דעמאקראטישע פארטיי. געוויס איז דאס אפעלירן פון דער דעמא־קראטישער פארטיי צו די ארבעטער ניט מער ווי אנשטעל; די רעפובליקאנישע פארטיי האט אבער דעם אנשטעל אויך פארלארן.

אין דער דעמאקראטישער פארטיי געפינען מיר די ניו־יארקער ארגאניזאציע, טעמעני. זי פארגרעסערט איר איינפלוס און פארפעסטיקט אירע סטראטעגישע פאזיציעס. היינט איז טעמעני דער ארגאן פון גרויס־קאפיטאל און איז אין לעצטן סך־הכל אזוי לאיאל צו די גרויס־קאפיטאליסטישע אינטערעסן, ווי

עס איז די יוניטעד סטייטס סטיל קאָרפּאָריישאָן. די סאָלידע סאַוט איז דער באָדן, וואו עס עקזיסטירט אַ דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, וואָס פונקציאָנירט ווי אַ קעגנזעצלאַכע איינהייט פון דער רעפּובליקאַנישער פּאַרטיי. אָבער מיט'ן פאָראויסגאַנג פון דער דרום'דיקער אינדוסטריאַליזאַציע ווערט פאַרשוואונדן דער סאָלידער פונדאַמענט פאַר דער עקזיסטענץ פון אַ דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין דער סאָלידער סאַוט. אין דער וועסט באַשטייט דער כח פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פון פּאָפּוליסטישע רעשטלאַ און געוויסע סעקציעס קליין־קאַפּיטאַליסטן, איינגעבאָרענער וועסטלאַכער קאַפּיטאַל, אויב מען קאָן עס אַזוי אָנרופן. וואָס קעמפּט קעגן דער באַהערשונג פון די גרויס־פינאַנסירן און גרויס־אינדוסטריאַליסטן פון דער איסט.

אין ניו ענגלאַנד איז ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן דער דעמאָקראַטישער און רעפּובליקאַנישער פּאַרטיי. דאָרט באַגעגענען מיר אַזעלכע דעמאָקראַטישע טיפּן ווי סענאַטאָר בעיאַרד און דעם פאַרשטאָרבענעם אַלטאָן ב. פּאַרקער, וועלכער איז אַמאָל געווען דער דעמאָקראַטישער פּרעזידענט־קאַנדידאַט. דער לעצטער אָטעם־צוג פון ליבעראַליזם, ווי אַ לעבעדיקער כח אין דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, האָט זיך אויסגעשפּיגלט אין דער לעצטער ווילסאָן אַדמיניסטראַציע, וועמעס טראַדיציעס עס ווערן נאָך כלומרשט אויפגעהאַלטן און עקספּלואַטירט, פאַר אינערלאַך פּאַרטייאישע צוועקן, פון אַזעלכע עלעמענטן ווי גאָווערנאָר דאָהעני און עקס־סענאַטאָר פּאָמערין פון אָהייאָ און ניוטאָן די. בייקער.

ווען עס וועט אויסוואַקסן די ערשטע גרויסע פונדאַמענטאַלע אישו אין דעם לאַנד, וועט די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, צוליב איר ניט־איינהייטלאַכן צוזאַמענשטעל, צוליב אירע ווידערשפּרעכנדיקע קלאַסן־אינטערעסן, — אָדער אויסמיידן די אישו אויס מורא פאַר פאַנאַנדערפאַל, אָדער זי וועט אָפּגעווישט ווערן, צוליב דעם וואָס זי האָט ניט גענומען קיין קלאָרע פּאָזיציע. דאָס וועט אַריינשפּאַרן אַ טיפן קלין אין דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. עס וועט איר שפּאַלטן און פּאַראַליזירן איר איינפלוס אַ היבש ביסל.

עס זיינען אָבער פאַראַן געוויסע כחות, וואָס האַלטן נאָך צוזאַמען די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. מען דאַרף ניט חוזק'ן איבער דעם, וואָס דאָ אין לאַנד זיינען נאָך די טראַדיציאָנעלע געוואוינ־

הייטען פון שטימען אַ מעכטיקער פאַקטאָר. אין די קליינע שטעטלאַך איז די פּאָליטישע טראַדיציע נאָך אַזוי פעסט, אַז אַ דעמאָקראַטישער פאָטער בריינגט אויף דער וועלט אַ דעמאָקראַטישן זון און אַ רעפּובליקאַנער זיידע לאָזט איבער בירושה אַ רעפּובליקאַנער אייניקל. דאָס גיט אַ געוויסן טייל כח דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. נאָר אַפילו אין דעם פּרט פון טראַדיציע ווערט די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי צעריסן אויף שטיקער. די דעמאָקראַטן אין דער סאַוט און וועסט דוכען אויף זייערע טראַדיציאָנעלע העלדן דזשעפערסאָן און דזשעקסאָן. אויב מיר קומען נעענטער צו די שטאַטן ביים אַטלאַנטישן ים־ברעג, וואָס שטייען מיט'ן פּנים צו אייראָפּע, איז די דעמאָקראַטישע טענדענץ צו באַוואונדערן ווילסאָנען. צווישן דער דזשעפערסאָנישער אַגראַרישער דעמאָקראַטיע, ביז דער ווילסאָנישער אימפּעריאַליסטישער דעמאָקראַטיע, איז אַ תהום, איבער וועלכן מען קאָן קיין בריק ניט אויפבויען.

צווייטנס, מוז מען געדיינקען, אַז די סאַוט האָט נאָך ניט אינגאַנצן אויסגעלעבט די שנאה צו דער מיליטערישער דיקטאַטור פון די צפון'דיקע אַרמייען. וואָס האָבען געהערשט באַלד נאָכ'ן בירגער־קריג. פאַרשטייט זיך אויך, אַז די פראַגע פון פּאַטראָנאַזש, אַ שטעלע אין אַן אָפיס, איז אַלעמאָל אַ שטיקל כח, וואָס העלפט פאַרזעצן די עקזיסטענץ פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. און דערצו נאָך מוז מען האָבן אין זינען, אַז דער פאַקט אַליין וואָס עס איז פאַראַן אַ צוויי־פּאַרטייאיקע סיסטעם, האַלט אויף דאָס לעבן פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, כאָטש ניט ווי קיין הערשענדע פּאַרטיי, נאָר ווי אַן אָפּאָזיציע.

שנאה, ווידערווילן און דוכען איבער עלטער־פאָטערס, קאָן קיינמאָל ניט דינען ווי אַ פונדאַמענט פאַר אַ פּאָליטישער פּאַרטיי. זינט דעם בירגער־קריג איז געווען בלויז איין פּרעזידענט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן דעם אָפיס אַכט יאָר נאָכאַנאַנד. דאָס איז געווען ווילסאָן. און ווילסאָנ'ס דערוויילונג אין 1916 איז כמעט אַ צופאַל. וואָלט יוז געקראָגן נאָך עטלאַכע שטימען אין קאַליפאָרניע, וואָלט ווילסאָן קיינמאָל ניט געוואָרן פּרעזידענט פאַר אַ צווייטן טערמין.

אייניקע פון די פירנדע רעפּובליקאַנער דערקלערן, אַז עס איז מער ניטאָ קיין עקזיסטענץ באַרעכטיקונג פאַר דער דעמאָקראַטי־

שער פּאַרטיי. דאָס איז אייגנטלאַך ניט אינגאַנצן ריכטיק. עס איז נאָך אַלץ דאָ אַ באַרעכטיקונג, כאָטש וואָס ווייטער האַלט עס אין איין פאַרשווינדן. עס בלייבט אַ פאַקט, אַז די קליינבירגערלאַכע און טיילן פון די אַגריקולטורעלע מאַסן, וואָס זיינען קליינבירגערלאַך אין זייער אידעאָלאָגיע, געוויסע מיטעלע קאַפּיטאַליסטן און אַ טייל גרויסע קאַפּיטאַליסטן, זעען נאָך אַלץ אין דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אַ געווער אין קלאַסנקאַמף. דאָס קאָן מען זען קלאָרער אויף אַ לאָקאַלן מאַסשטאַב, וואו די קלאַסן־אישום ווערן ניט אַלעמאָל שאַרף אויסגעקעמפט, ווי אין פאַל פון נאַציאָנאַלע אישום.

דעם דאָזיקן פאַקטאָר מוז מען צושרייבן דאָס, וואָס די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, מיט איר צוקונפט הינטער זיך, האָט נאָך איצט 47 סענאַטאָרן פון די 96, 48 גאָווערנאָרס פון שטאַטן און 194 קאָנגרעסלייט פון די 445, וואָס זיינען פאַראַן אין קאָנגרעס.

די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי היינט צו טאָג איז אַ שפּיגל פון ווידערשפּרוכן און קאָנפליקטן. די טענדענץ פון די דעמאָקראַטן אין דער סאַוט איז צו פאַרגעסן זייער ירושה־געוואוינהייט. טיילן פון זיי, די אָרעמערע, הויבן אָן צו קוקן אויף זיך ווי אָפּגענאַרטע, אומצופרידענע פאַרמערס. די רייכערע ווידער, די וואָס רעפּרעזענטירן די וואַקסנדע אינדוסטריעלע אינטערעסן, הויבן אָן צו קוקן אויף זיך ווי אויף בליענדע קאַפּיטאַליסטן. די דאָזיקע דערשיינונג קאָן בלויז פירן צו דער פאַנאַנדערלייגונג פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און צום פונדאַמענטאַלן איבערבוי אין פּאָליטישן לעבן פון אַמעריקע.

עס איז פאַראַן בלויז איין פּראָבלעם אין וועלכער עס איז פאַראַן אַ טענדענץ פון איינשטימיקייט אין די רייען פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. דאָס איז די פראַגע פון אַ וועלט־געריכט. עס איז אין דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי ניטאָ קיין איינשטימיקייט איבער דער פראַגע פון פּראָהיבישאָן. סמיט איז נאַס; מעקאַדו איז טרוקן. איבער דער פראַגע פון טאַריפן וואַקסן די אונטערשיידן און סתירות. אַלע דעמאָקראַטן שטימען אָבער איין, אַז דאָס לאַנד דאַרף האָבן גוטע וועגן (שאָסייען). עס איז וואַרשיינלאַך, אַז די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי וועט אויסגעפינען, אַז ניט אַלע גוטע וועגן פירן צום ווייסן הויז; און אַז אַפילו ניט

אַזעלכע אַגענטן פון טוגנד ווי פּראָהיבישאָן און די קאַטוילישע קירך קאָנען אויך גאָרניט העלפן.

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי

לאָמיר אונטערזוכן די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי באַלד נאָך די דעמאָקראַטן און רעפּובליקאַנער, ווייל זי איז אַמנאָענטסטן צו די דאָזיקע צוויי פּאַרטייען.

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז אויך ניט קיין גלייכאַרטיקע, איינהייטלאַכע פּאַרטיי. מיר רעדן דאָ ניט וועגן דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי ווי וועגן אַן אָרגאַניזאַציע. אויסער ניו יאָרק, וואו דער רעאַקציאָנערער „פאָרווערטס" האָט טויזנטער דאָלאַר אַרויסצוואַרפן; חוץ מילוואָקי, וואו עס איז נאָך אַלץ פאַראַן אַ סאָציאַליסטישע שטאַט אַדמיניסטראַציע און אַן אַזוי גערופענע סאָציאַליסטישע צייטונג „די לידער", עקזיסטירט אין ערגעץ ניט קיין אָרגאַניזאַציע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. מיר ריידן דאַ וועגן דער נאָכפאָלגערשאַפט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, פון דער האַלבער און כמעט־סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע, וואָס איז נאָך אַ שטיקל כח, מיט וועלכן מען דאַרף זיך רעכענען ביי אונז אין לאַנד.

אינווייניק פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי זיינען פאַראַן דריי טיילן, וואָס מישן זיך אוים איינע אין דער צווייטער. פונדאַמענטאַל זיינען זיי ניט פאַרשידן איינע פון דער אַנדערער. איין שטראָם געהערט צו די אַלטע דעבס נאָכפאָלגער; דאָס זיינען די רעשטלאַך פון די אַלטע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן נאָכגעפאָלגט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי ווי אַ פּאַרטיי פון פּראָטעסט.

צווייטנס, איז אין די ראַמען פון סאָציאַליסטישן איינפלוס אַריינגערעכנט דער טייל פון פרעמד־שפּראַכיקע אַרבעטער, וואָס איז נאָך פּאָליטיש שטאַרק אָפּגעשטאַנען און לאָזט זיך נאָך באַהערשן און קאָנטראָלירן פון די פרעמד־שפּראַכיקע טרייד־יוניאָן ביוראָקראַטן און פון דער „פאָרווערטס"־מאַשין.

דריטנס, האָבן מיר איז די איינפלוס־ספערן פון דער סאָציאַליסטישע" פּאַרטיי געוויסע לויזע טיילן פון קליינבירגערטום. אין דער קאַטעגאָריע זיינען אויך איינגעשלאָסן געוויסע ליבעראַלן. געוויסע ליבעראַלע דאַמאַקראַטן פון דעם טיפּ ווי פרענק פּ. וואָלש, געוועזענער טשערמאַן פון דער קאָמישן אַן אינדאָסטריאַל ריליי־

שאנס, האט אמאל אפגעגעבן זיין שטימע פאר דעבס'ן. אין וויסקאנסין האט די רעפובליקאנישע פארטיי, געפירט פון לאפאלעט'ן, און די סאציאליסטישע פארטיי, געפירט פון בערגער'ן, מער ווי איין מאל זיך פארבונדן אין צייט פון די וואלן. אין דער פארגאנגענהייט האט זיך אין דער סאציאליסטישער פארטיי געפילט אן אפאזיציע צו אזעלכע עלעקשאן פארבאנדן. איצט אבער וואלט יעדער קעגנער צו פארבינדן זיך מיט לאפאלעט'ן אין די וואלן, ווארשיינלאך באצאלט מיט זיין פארטיי־מיטגלידערשאפט אין מילוואקי. אפיציעל וועט די סאציאליסטישע פארטיי אפשר נית אננעמען די דאזיקע פאליסי, אבער אין לעבן פראקטיצירט זי עס. דאס וואס וויקטאר בערגער איז ניט לאנג צוריק דערוויילט געווארן אלס טשערמאן פון דער סאציאליסטישער פארטיי, איז א קלארער באווייז, אז די ס. פ. האט פארלארן דעם לעצטן פייגנבלאט — די קעמפנדע דעבס טראדיציע — וואס האט אמאל צוגעדעקט איר ווולגארן אפארטוניזם און קאמופלאזשעוועט איר סאציאל־רעפארמיזם.

די דערוויילונג פון וויקטאר בערגער אלס טשערמאן פון דער סאציאליסטישער פארטיי באווייזט, אז די ס. פ. איז אינגאנצן אוועק אויפ'ן וועג רעכטס. היינט איז די סאציאליסטישע פארטיי אן אינטעגראלער (צונויפגעוואקסענער) טייל פון דער טרייד יוניאן ביוראקראטיע, פון דער אפיציעלער רעאקציאנערער פירערשאפט פון דער אמעריקען פעדערייזשאן אוו לייבאר, וועלכע איז פון איר זייט אן ארגאנישער אינסטרומענט פון דער אימפעריאליסטישער קליקע, וואס דאמינירט דאס אמעריקאנער פאליטיש און עקאנאמיש לעבן.

לאמיר א ווארף טאן א ביסל ליכט אויף איניקע פון די לעצטע דערקלערונגען פון דער סאציאליסטישער פארטיי און אירע פירער, וועלן מיר דערזען דעם אמת'ן פרצוף פון דער דאזיקער ארגאניזאציע, וועלכע פרעטענדירט נאך אלץ צו ריידן אין נאמען פון די ארבעטער. אין א דערקלערונג וואס עס האט ארויסגעלאזט די נאציאנאלע עקזעקוטיווע פון דער סאציאליסטישער פארטיי, געדרוקט אין „ניו לידער“ פון אקטאבער דעם 22טן, 1927, געפינען מיר דאס פאלגנדע:

„די צוויי קאפיטאליסטישע פארטייען האבן ניט קיין פראגראם און זוכן ניט קיין פראגראם. זיי האבן ניט קיין אישוס און זיי באהאלטן זיך פון אמת'ע אישוס. זיי שלעפן זיך נאך דער סיסטעם, וואס זיי פארטרעטן, און עס גייט זיי בלויז אן די געזעלשאפטלאכע מאכט און זייער פארטיי־רויבעריי.

„אין דעם פלאנטער פון פראבלעמען, וואס שטייען פאר'ן פאלק, מוזן מיר באגייסטערן די מאסן און ארבעטער צו באנוצן זייער פאטענציעלן כח, פאר דער נויטענדיקייט פון געמיינזאמער פאליטישער אקציע, צו צוברעכן אלטע פארטיי באריערן, צו באוועגן זיי, ווי גרויסע ארמייען פון אויפגעקלערטע שטימען־אפגעבער, צו די שטימקעסטלאך, כדי ארויסצורייסן די מאכט פון די פלינדערער. די צייט איז רייף פאר א פאליטישער רעוואלוציע וואס זאל שאפן א דריטע פארטיי. די סאציאליסטישע פארטיי מוז טאן איר חוב אין דער ארבעט פון אויסבילדן, ארגאניזירן און זיך זארגן צו דערהויבן די באגייסטערונג וואס פירט צום ענדלאכן נצחון.“

דאס איז א פאטעטישע צעטומלעניש, צוליב וואס מען וואלט אויף דער ס. פ. געדארפט רחמנות האבן, ווען דער דאזיקער סטייטמענט וואלט ניט געליפערט נאך ווייטערע באווייזן, אז די פירערשאפט פון דער סאציאליסטישער פארטיי שיט באוואוסטזיניק זאמד אין די אויגן פון די ארבעטער, כדי זיי צו פארפירן און פארקריפלען זייערע קעמפנדע רייען.

צו דערציילן די אמעריקאנער ארבעטער, אז די רעפובליקאנישע און דעמאקראטישע פארטייען, די צוויי פארטייען פון קאפיטאליזם, האבן ניט קיין פראגראם, הייסט קארמען די ארבעטער מיט קרימינעלן שטות. די צוויי קאפיטאליסטישע פארטייען האבן א פראגראם, אן אויסגעשפראכענע קאפיטאליסטישע פראגראם, וואס איז געצילט קעגן ארבעטער־קלאס. צו ריידן צו די ארבעטער וועגן א פראבלעמען־פלאנטער וואס שטייט פאר'ן פאלק, אין א צייט ווען מען דארף ריידן וועגן די נויטן און פראבלעמען פון ארבעטער־קלאס, אלס א קלאס, איז פשוט'ער פארראט, פאר א פארטיי, וואס פרעטענדירט נאך כאטש פיל ווינציק אויף די לערען פון מארקס און ענגלס.

צו ריידן וועגן ברעכן די „ראמען פון אלטע פארטייען“, ברעכן די דיקטאטור פון די אלטע פארטייען און פארמירן „ברעד ליינס“ ביי די שטימקעסטלאך, הייסט פשוט זיין אזוי בלינד ווי א פלעדערמויז און טויב ווי א שטיין, צו די לעקציעס פון דער גרויסער ארבעטער רעוואלוציע אין רוסלאנד און צו די דער־

פארונגען פון קלאסן־מלחמה אין די פאראייניקטע שטאטן.

צו ריידן וועגן א „פאליטישער רעוואלוציע פון א דריטער פארטיי" איז פשוט לעכערלאך. וואס פאר א דריטע פארטיי? א קליינבירגערלאכע אונטער בארא'ס פירערשאפט? וועט בארא מאכן א רעוואלוציע? וואס פאר א רעוואלוציע וועט ער מאכן? אדער דארף עס זיין א לייבאר פארטיי, וואס זאל פאליטיש פאראייניקן אלע ארבעטער? און פארוואס קאן די סאציאליסטישע פארטיי ניט געבן מער ווי ליפן־דינסט צו דער פראגע פון א לייבאר פארטיי? פארוואס רעדט זי אלע מאל וועגן דער באוועגונג פון א לייבאר פארטיי מיט א פאראליזירטן צונג?

גאר לעצטנס האט די סאציאליסטישע פארטיי אנגעמאכט גרויס טומל איבער דעם דערפאלגרייכן קאמפיין וואס זי האט אנגעפירט אין רעדינג, פענסילווייניע. וואס ברענגט מיט זיך דער זיג אין רעדינג פאר די ארבעטער? אין דעם „לייבאר אדוואקייט", אפיציעלער ארגאן פון דער סאציאליסטישער פארטיי אין רעדינג, געפינען מיר אן עדיטאריעל, וואס דערקלערט טיילווייז די באציאונג פון דער סאציאליסטישער פארטיי. זאגט טיילווייז דער עדיטאריעל:

„נאכמער, די סאציאליסטן פארשטייען, אז זייער פאראנטווארטלאכקייט וועט זיין די זעלבע ווי פון די קאפיטאליסטישע באאמטע, און ניט ווי פון מיטגלידער פון דער סאציאליסטישער פארטיי... ווען עס וועט זיך האנדלען וועגן פארגרעסערן די גאסן אין די אריסטאקראטישע געגנטן, וועלן די גאסן וואו עס וואוינען ארבעטער קריגן אזוי פיל אויפמערקזאמקייט, לכל הפחות, וויפיל עס קריגן די אריסטאקראטישע געגנטן...

„עס זיינען פאראן אייניקע זאכן וואס די סאציאליסטן אין רעדינג קאנען און וועלן דורכפירן. דאס האט גארניט צו טאן מיט'ן סאציאליזם אדער קאפיטאליזם. דאס זיינען זאכן וואס דער גראדער שכל פאדערט. דאס זיינען טעטיקייטן און פאליסיס וואס וועלן געווינען דעם ווייטערן צוטרוי פון זייערע ברידער לאנדסלייט."

דער עדיטאריעל וואס מיר האבן דא ציטירט רעדט וועגן ברידער לאנדסלייט, אנשטאט וועגן ברידער ארבעטער. עס רעדט וועגן באהאנדלען די גאסן פון די ארבעטער מיט דער זעלבער אכטונג ווי די אריסטאקראטישע גאסן. אויגנשיינלאך קאן קיינער ניט גאראנטירן, אז די סאציאליסטישע פארטיי וועט באהאנדלען די ארבעטער אזוי ווי זי וועט באהאנדלען די קאפיטאליסטן. טא

פארוואס זאלן די קאפיטאליסטן פאר זיי מורא האבן? טאקע דערפאר האבן זיי קיין מורא ניט.

דזשיימס דזש. מאורער, איינער פון די קאונסילמען וואס איז דערוויילט געווארן פון די סאציאליסטן אין רעדינג, האט, אדרעסירנדיק א סאציאלסיטישע פארזאמלונג אין ניו יארק, געזאגט:

„מיר וועלן די ארבעטער אין רעדינג געבן א טיפישע ארבעטער־רעגירונג. ווען אבער אין רעדינג וועט אויסברעכן א סטרייק, אין דער צייט וואס מיר זיינען אין מאכט, וועט דאס אייגנטום און לעבן פון קאפיטאליסטישן ארבעטסגעבער אפגעהיט און פארטיידיקט ווערן, אזוי ווי עס איז קיינמאל פריער ניט אפגעהיט געווארן".

דאס איז אן אויסדרוק וואס קומט פון די ליפן פון איינעם וואס געהערט צו די עלטסטע עלעמענטן אין דער סאציאליסטישער פארטיי. עס איז קלאר, אז דאס איז ניט קיין אויסדרוק פון א פארטיי, וואס רעדט בלויז פאר'ן ארבעטער־קלאס. דאס איז ניט קיין רעגירונג פון ארבעטער־קלאס. מאורער האט געהאט א געלעגנהייט צו זען אן אמת'ע רעגירונג פון ארבעטער־קלאס אין סאוועטלאנד און ער ווייסט אז דארט ווערן קיין קאפיטאליסטישע ארבעטסגעבער ניט פארטיידיקט. די רעשטלאך פון די קאפיטאליסטישע כחות ווערן ניט באשיצט, נאר ווערן אויסגעראטן. מען קאן ניט דערווארטן, אז די אדמיניסטראציע פון דער סאציאליסטישער פארטיי זאל איינפירן סאציאליזם אין רעדינג. מען האט אבער יא געמעגט דערווארטן פון דער זיגרייכער סאציאליסטישער פארטיי אין רעדינג, אז ניט געקוקט אויף דעם וואס זייערע ניט־ארבעטנדע לאנדסלייט וועלן טראכטן, ניט אכטנדיק אויף דעם וויפיל עס וועט איינגעריסן ווערן די אזוי גערופענע הייליקע, בורזשואזע מנהגים, ניט געאכט אויף דעם וויפיל עס וועט קאסטן דער גרויסער און קליינער בורזשואזיע — זאל יעדער שריט פון די סאציאליסטן זיין א שריט צו העלפן דעם ארבעטער־קלאס אלס א קלאס, וואס זאלן פארשטארקן די קלאסן־אינטערעסן פון ארבעטער און זאלן געשטויסן ווערן פאראויס. די סאציאליסטישע אדמיניסטראציע אין רעדינג גיט ניט דעם ארבעטער־קלאס אזעלכע האפנונגען.

אין דערווירקלאכקייט איז די סאציאליסטישע פארטיי אין אייניקע געגנטן גרייט אלץ מער און מער זיך צונויפצושמעלצן מיט

טיילן פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. אין ניו יאָרק שטימען אַ סך „סאָציאַליסטן" פאַר אַל סמיט. דעריבער ווערט טאַקע אַלץ אָפטער די דערשיינונג, וואָס לאָקאַלע קאַפּיטאַליסטישע בירגער קאָמיטעס אינדאָרסירן אַלץ אָפטער געוויסע סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן. און דעריבער טאַקע זיינען פאַראַן געהיימע אָפּמאַכן, וואָס די סאָציאַליסטן מאַכן אין פאַרשידענע געגנטן אפילו מיט דער רעפּובליקאַנישער פּאַרטיי.

פונדעסטוועגן, ניט קוקנדיק אויף איר רעאַקציאָנערער פירערשאַפט, איז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי נאָך אַלץ אַ פּאַרטיי וואָס איז אָפּגעזונדערט פון די צוויי גרויס קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען. און אַלס אַזעלכע מוז זי באַהאַנדלט ווערן. היינט איז אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר אַ קלאַסנבאַוואוסטזיניקן אַרבעטער, אָדער פאַר אַן אַרבעטער וואָס פאַרמאָגט כאָטש אַ ביסל קלאַסנשטאָלץ. ווי אַ קעמפנדער כח פאַר'ן אַרבעטער־קלאַס איז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי טויט. ווי אַ כח צו העלפן דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס פאַרנאַרן די אַרבעטער האָט זי נאָך קראַפט אין זיך. דעריבער איז זי נאָך אַלץ אַ געפאַר פאַר די אַרבעטער.

די וואָרקערס (קאָמוניסטישע) פּאַרטיי

ווי אַ פּאַרלאַמענטאַרישער כח איז די וואָרקערס פּאַרטי נאָך אַלץ זייער שוואַך. פאַר דעם זיינען דאָ אַ רייע אורזאַכן, וואָס מיר דאַרפן דאָ ניט אונטערזוכן. אָבער אין אירע פאַרשידענע אונטערנעמונגען און אַרבעטן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, איז די וואָרקערס פּאַרטי ווייט קרעפטיקער ווי זי איז אין פּאַרלאַמענטאַרישע קאַמפּאַניעס.

היינט צוטאָג איז די וואָרקערס פּאַרטי דער איינציקער אָפּאָזיציאָנעלער כח צו דער רעאַקציע אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. זי איז די איינציקע באַוואוסטזיניקע קעמפנדע אָפּאָזיציע צו דער קאַפּיטאַליסטישער רעאַקציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ווען גרין און וואָל באַקעמפן די קאָמוניסטן, קעמפן זיי ניט קעגן קיין ווינטמילן. זיי וואָלטן פיל גלייכער געוואָלט פרידן מיט אונז, איידער קריג. מיר ווייסן, אַז דער איינציקער פרידן צווישן אונז קאָן זיין אַ פרידן, אין וועלכן זיי זאָלן זיך אונטערגעבן; דאָס וואָלט געהייסן זייער אויסראָטונג פון

דער אַרבעטער־באַוועגונג און דאָס צוריקשמייסן זייערע פּאָליסיס ביז'ן סאַמע וואָרצל. זיי ווייסן, אַז דער איינציקער פרידן וואָס זיי וואָלטן מיט אונז געשלאָסן איז אונזער פולשטענדיקע ליקווידאַציע. קיין איינע פון די צוויי זאַכן איז ניט מעגלאַך. דעריבער איז דער קאַמף אַזוי שאַרף.

אין דער טרייד יוניאָן באַוועגונג, אין די רייען פון די אומאָרגאַניזירטע און אָרגאַניזירטע אַרבעטער איז די וואָרקרס פּאַרטי אַ פיל שטאַרקערער טרייב כח ווי אין פּאָלאַמענטאַרישן פעלד. די נאָכפאָלגערשאַפט פון דער וואָרקערס פּאַרטי געפינט זיך הויפּטזאַכלאַך צווישן די אַרבעטער אין פונדאַמענטאַלע אינדוסטריען, וואו די אַרבעטער זיינען אין גרויסער מאָס פרעמדגעבאָרענע און שטימרעכטלאָזע.

די עקלדיקע אָפּאָרטוניסטישע טאַקטיק און פאַלשע פּאַרלאַמענטאַרישע קאַמפּאַניעס, וואָס עס האָט אָנגעפירט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פאַר יאָרן לאַנג, האָט איבערגעלאָזט אַ ווידערווילן אויף די קעמפנדע אַרבעטער. וואָס האָט אָפּגעקילט זייער ברען פון באַטייליקן זיך אין פּאַרלאַמענטאַרישע קאַמפּאַניעס. דאָס איז אַן אָביעקטיווער פאַקט, וואָס שטייט פאַר דער וואָרקערס פּאַרטי, כאָטש קעגן דעם איז דאָ אַ סך אויסצוזעצן און כאָטש די מיטגלידער פון דער וואָרקערס פּאַרטי היילן זיך אויס פון דעם דאָזיקן באַגריף.

די וואָרקערס פּאַרטי האָט ערשט לעצטנס אָנגעהויבן אַנטוויקלען אַ געהעריקן איבערשאַצן פון פּאַרלאַמענטאַרישע קאַמפּאַניעס. כאָטש גרויסע צאָלן אַרבעטער האָבן אין באַשטימטע צייטן נאָכגעפאָלגט די פירערשאַפט פון קאָמוניסטן אין עקאָנאָמישע קאַמפן, פאַר באַשטימטע פונדאַמענטאַלע רעכטן, — ווי העכערונג אין שכירות, פאַר בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען, דאָס רעכט צו זיין אָרגאַניזירט, ראַטעווען די יוניאָנס און קאַמף צו פאַרברעכן קעגן אינדזשאָנקשאָנס — זיינען אָבער אפילו אָט די אַרבעטער ניט פאָרגעשריטן גענוג, זיי זאָלן אין קאָמפּאַקטע מאַסן אָפּרייסן זיך פון פּאָליטיש קאַפּיטאַליסטישן איינפלוס און שטימען פאַר דער וואָרקערס פּאַרטי אויף אַ קלאַסן־באַזיס. מען מוז אָבער אויך ניט פאַרזען דעם טעראָר וואָס עס קומט אויס אויסצושטיין אַ קאָמוניסט אָדער אַ סימפּאַטיזירנדן אַרבעטער מצד דער רעגירונג, די אַרבעטסגעבער און די לייבאָר ליוטענאַנטן.

אנדערע פארטייען, גרופן אדער בלאקס

לאקאל זיינען נאך היינט אויך פאראן געוויסע אנדערע לייבאר פארטייען. אין פענסילווייניע, נארט דאקאטא, מאנטאנא, מינעסאטא, וואשינגטאן און אין טיילן פון אנדערע שטאטן געפינען זיך לייבאר פארטיי ארגאניזאציעס. עס איז אבער ניטא קיין לייבאר פארטיי פון א מאסן־כאראקטער.

עס וואלט געווען פיל ריכטיקער, ווען די אינסורגענטן און פראגרעסיווע (אין קאנגרעס און סענאט) זאלן גערופן ווערן אומ־רעגולערע רעפובליקאנער. דער עקאנאמישער פונדאמענט פון דער דאזיקער גרופע געפינט זיך הויפטזאכלאך אין די אגרי־קולטורעלע קריזיסן. דער דאזיקער בלאק איז מערסטנס אן אויס־דרוק פון אגריקולטורעלער אומצופרידנקייט. די גאנצע בלאק־סיסטעם אין אמעריקאנער פאליטיק שפיגלט אפ דעם איבער־גאנגס־פעריאד, וואס פירט צום פאנאנדערפאלן פון דער צוויי־פארטייאיקער סיסטעם. צוליב דעם וואקסנדן עקאנאמישן שטיל־שטאנד געווינט אט די באוועגונג די הילף פון טיילן פון די קליינבירגער און פון ארבעטער אין די אינדוסטריעלע צענטרען. אין דעם אפיציעלן ארגאן פון דער שיקאגא פעדעריישאן אוו לייבאר געפינען מיר עדיטאריעל וועגן נאררים'ן, איינעם פון די פירער פון דעם דאזיקן בלאק, דאס פאלגנדע:

„סענאטאר נאררים האט מיט זיך דעם צוטרוי פון דער ריזיקער ארמיי הארעפאשניקעס אין לאנד. . . ער איז באטראכט צום גרעסטן פלאץ אין לאנד. . . די ארבעטער קאנען דערוויילן וועלכן פרעזידענט זיי ווילן. זיי האבן די מערהייט שטימען. זיי קאנען עס טאן אין פולן הסכם מיט דער נאן־פארטיזאן פאליסי פון דער אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר.

„די ארבעטער זיינען נאך היינט, ווייזט אויס, ניט גרייט צו דער־ווילן געבוג פריינט און באשטראפן גענוג די שונאים, עס איז נויטיק מער אויפקלערונג, מער ארגאניזאציע און מער פאנדן. ווען דאס אליין וועט דערגרייכט ווערן, וועלן די ארבעטער זיין בכח צו דער־ווילן אזעלכע אמת'ע טשעמפיאנען פון גערעכטיקייט, ווי עס איז סענאטאר נאררים".

עס ווייזט זיך ארויס, אז דער „פראגרעסיווער" און „אינ־סורגענטן"־בלאק קלייבט זיך צו ווערן דער הייזון פון גאנצן פראטעסט. איינער פון די מכשפים פון קו קלוקס קלען האט

ניט לאנג צוריק דערקלערט, אז ער איז דורכגעפארן צוויי און פערציק שטאטן און ער קאן באריכטן אז „די פלאטפארם פון די פראגרעסיסטן איז זייער אננעמבאר פאר די וויילער."

זינט לאפאלעט'ס טויט, דריקט נאררים אמבעסטן אויס די אינטערעסן פון קליינבירגערטום. עס איז זייער באדייטונגספול, וואס דער וואקלדיקער, אומבאשטימטער סענאטאר בארא, האט זיך אנגעשלאסן אן די אינסורגענטן און זיך באטייליקט אין זייער קאנפערענץ אקטאבער דעם אכטן. 1927. דאס פארשארפן פון עקאנאמישן שטילשטאנד, דאס פארטיפן פון די אגריקולטורעלע שוועריקייטן און די לאגישע פאלגן פון דעם, ווי קולידזש'עס אפ־זאגן זיך פון פרעזידענטשאפט, האט ברייטער געמאכט דעם ריס אין דער רעפובליקאנישער פארטיי אויף אזוי פיל, אז עס זאל דערמוטיקן אפילו אזא וואקלדיקן קליינבירגערלאכן פאליטישן ווי בארא צו געבן נאך א שפרונג פון זיין געוועזענער פאזיציע.

די „אינסורגענטן" און „פראגרעסיוון" וועלן זיך ניט קאנ־סטיטואירן אין קיין דריטער פארטיי, באזונדער פון די דעמא־קראטן און רעפובליקאנער, סיידן עס וועלן זיך באווייזן נייע ניט־פאראויסגעזעענע אנטוויקלונגען. זיי וועלן פרואוון מאכן „דילס" מיט די רעפובליקאנער און דעמאקראטן. אין דעם ליגט זייער מאקסימום כח און זייער מינימום שוואכקייטן. שוין האבן זיי זיך געלאזט פארשאכערן צו דער רעפובליקאנער מאשין און דער־לאזט צו ארגאניזירן קולידזש'עס קאנטראל אין סענאט. דער אזוי־גערופענער פארמער־לייבאר סענאטאר שיפסטעד האט גע־וויזן דעם וועג ווי אזוי זיך אונטערצוגעבן צו די סענאטארן פון דער גרויס־בורזשואזיע, און ער קאן איצט פולשטענדיג רעגיס־טרירט ווערן אלס רעפובליקאנער.

די אינסורגענטן באוועגונג, אויף אזוי פיל אויף וויפיל עס איז אן אינסטרומענטאלער כח צו צעברעכן די אלטע צוויי־פארטייאיקע סיסטעם, איז א פראגרעסיווע קראפט. עס איז אבער גלייכצייטיק אן ערנסטע געפאר פאר די ארבעטער און עקס־פלואטירטע פארמער. זי איז א שטיין אין וועג פון דער אנט־וויקלונג פון אן אמת'ער קלאסן־פארטיי פון ארבעטער — א לייבאר פארטיי. אזעלכע קליינבירגערלאכע פאליטישענס ווי שיפסטעד, ברוקהארט, נאררים און בארא זיינען ניט קיין פריינט

אָדער דינער פון די אַרבעטער, נאָר זיינען אַגענטן פון די קלענערע קאַפּיטאַליסטן, און אַלס אַזעלכע מוזן זיי באַקעמפּט ווערן.

די אַנדערע אַזוי־גערופענע פּאָליטישע פּאַרטייען זיינען ניט ווערט דעם טינט און דעם פּאַפּיר וואָס עס וואָלט גענומען צו שרייבן וועגן זיי.

דריטער קאַפּיטל

אישוס פון די וואַלן אין 1928

דער קאַפּיטאַליסטישער שטאַנדפּונקט

פון קאַפּיטאַליסטישן שטאַנדפּונקט זיינען פאַראַן אַ סך אישוס פאַר די אַלן פון 1928. די קאַפּיטאַליסטן האָבן אַ מאַסן־פּראָדוקציע פון אישוס — אַלערליי אישוס איז ביי זיי פאַראַן.

1. פּראָהיבישאָן.

פריער פון אַלץ איז פאַראַן פּראָהיבישאָן. אַ סך רייד ווערן אויסגעגאָסן אויף דער אישו. פונדעסטוועגן וועט פּראָהיבישאָן ניט זיין דיווירקלאַכע אישו פון די וואַלן אין 1928. יעדער קאַפּיטאַליסטישער פּאָליטישן ווייסט, אַז פּראָהיבישאָן איז מער אַן אישו א י ן ביידע קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען, ווי צ ו ו י ש ן זיי. עס זיינען פאַראַן אַזוי פיל מיינונגס־פאַרשיידנהייטן וועגן פּראָהיבישאָן אין דער רעפּובליקאַנישער פּאַר־טיי, ווי עס זיינען פאַראַן איז דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. דער רעפּובליקאַנער סענאַטאָר עדזש פון ניו דזשוירזי, אַ שליח פון סטענדערד אויל, איז אַ געשוואָרענער אַגענט פון פּראָהיבישאַן און קולידזש איז אויסגעטריקנט. סמיט איז נאַס דורכגעווייקט, און מעקאַדו איז טרוקן ווי אַ מדבר. זיי אַלע מעגן זיך האָבן אונטערשיידן וועגן דער קוואַליטעט פון ביר, אָבער דאָס זיינען ניט קיין אונטערשיידן וואָס הערשן צווישן זייערע פּאַרטייען. מעקאַדו דער דעמאָקראַט און קולידזש דער רעפּובליקאַנער פאַר־טרעטן יענעם טייל פון דער בורזשואַזיע, וואָס גלויבט אַז פּראָ־היבישאָן איז אַ טרייב קראַפט וואָס העלפט ·דער עפישענסי פון אַרבעטער־עקספּלואַטאַציע. דער דעמאָקראַט סמיט און דער רע־פּובליקאַנער עדזש זיינען קעגן פּראָהיבישאָן, ווייל זיי זיינען ניט איבערצייגט, אַז דורכדעם לײדן די אינטערעסן פון קלאַס וועלכן זיי דינען.

2. שטייערן.

אויך די פראגע פון שטייערן וועט פונדאמענטאל ניט זיין קיין אישו צווישן רעפובליקאנער און דעמאקראטן. ביידע פארטייען פאלגן נאך א פאליסי צו פארלייכטערן די שטייערן פאר די גרויס־קאפיטאליסטן און אריבערווארפן עס, אויף וויפיל עס לאזט זיך, אומדירעקט נאטירלאך, אויף די פלייצעס פון די ארבעטער.

3. דער וועלט־געריכט.

פריער אדער שפעטער וועט די פראגע פון אינטערנאציאנאלע באציאונגען, דער וועלט־געריכט און די ליג אוו ניישאנס, ווערן א גרויסע אישו אין די רייען פון דער בורזשואזיע. יענע צייט אבער איז נאך דערווייל ניט געקומען. דער אמעריקאנער קאפיטאליסטישער קלאסן־שטאנדפונקט איז נאך דערווייל איבער דער פראגע ניט אויסגעשפראכן אנטשלאסן; כאטש די טענדענץ, צוליב דעם וואקסענדן איינפלוס פון פינאנס קאפיטאל, פאר באטייליקן זיך אין וועלכער ניט איז וועלט קערפערשאפט, געריכט אדער פייקערישער ליג אוו ניישאנס, האלט אין וואקסן. אין דעם מאמענט אבער ווערן די אונטערשיידן צווישן דער דעמאקראטישער און רעפובליקאנער פארטייען איבער דער פראגע באשלאסן דורך די קלאסן־אינטערעסן פון יעדער געגנט באזונדער, איידער דורך די איינהייטלאכע קלאסן־אינטערעסן אין לאנד. די פינאנס־קאפיטאליסטן, וואס שטיצן נאך אלץ די דעמאקראטישע פארטיי, זיינען פונקט אזוי פיל פאר דעם אז אמעריקע זאל זיך באטייליקן אין וועלט־געריכט אדער ליג אוו ניישאנס, ווי עס זיינען די גרויסע באנקירן וואס פילן און מיט מזומן די קאסעס פון דער רעפובליקאנער פארטיי.

4. דער טאריף.

די טאריף פראגע איז געווען די שפייז מיט וואס דער אייזל (דעמאקראטישע פארטיי) האט זיך געשטאפט אין יעדער עלעקשאן. אמאל איז עס געווען די גרויסע אישו פון דער דעמאקראטישער פארטיי. היינט איז עס ניט אזוי. אין דער סאוט אנטוויקלט זיך אלץ א גרעסערע צאל אינדוסטריאליסטן, וואס זיינען פאר א הויכן טאריף, פונקט ווי עס זיינען פאר דעם די אינדוסטריאליסטן

פון די ניו ענגלאנדער שטאטן. אין דערזעלבער צייט זיינען פאראן באנקירן וואס הויבן הויך אויף זייער שטים, אין די רייען פון די רעפובליקאנער, פאר פארקלענערן דעם טאריף. אין דער פראגע, ווי אין א רייע אנדערע, ווענדט זיך אלץ אן דעם מין געשעפטן וואס די דעמאקראטן טוען.

5. די מאכט פון דער רעגירונג.

מען רעדט אויך וועגן דעם, אז די פראגע פון צענטראליזירטער פעדעראלער שטאטס־מאכט זאל זיין א וויכטיקע אישו. צוליב דער וואקסנדער מאכט פון דער רעגירונגס ביוראקראטיע וועט עס מעגלאך זיין אן אישו. די דאזיקע אישו וועט אבער ניט שפילן קיין באשליסנדע ראלע אין דעם קומענדן קאמפיין. ביידע קאפיטאליסטישע פארטייען שטימען איין, אז די פעדעראלע מאכט דארף באנוצט ווערן צו צושמעטערן סטרייקס.

6. קארופציע.

עס איז פאראן די אלטע פראגע פון קארופציע. דאס איז אלעמאל אן אישו צווישן ביידע קאפיטאליסטישע פארטייען. ביידע זיינען קארופט, און דא איז איין איינציקער פאל וואו ביידע זאגן דעם אמת, איינע אויף דער צווייטער. דא האבן מיר די געשיכטע מיט'ן טשייניק וואס שרייט אז דער קעסל איז שווארץ. דער טיפאט דאום סקאנדאל האט ניט געליפערט פאר די דעמאקראטן אזוי פיל, ווי זיי האבן פון דעם דערווארט, אין 1924. דער בוירנס־סינקלעיר סקאנדאל וועט פאר זיי ניט ליפערן, אזוי פיל וויפיל זיי האפן, אין די וואלן פון 1928. אפילו די דערוויילונג און דער סקאנדאל פון וועיר און סמיט, וועלן ניט ברייגנען אזא קערן ווי די דעמאקראטן האבן זיך געריכט. די מאסן איבער'ן לאנד זיינען אין אלגעמיין פאליטיש צו אפגעשטאנען, זיי זאלן ווערן אויפגערעגט איבער קארופציע. קארופציע איז זיכער ניט די גרענעץ־ליניע צווישן די דעמאקראטן און רעפובליקאנער. עס איז א געמיינזאמע ליניע.

7. פארם רעליף.

פארם רעליף וועט זיין א ברענענדע אישו אין די קומענדע

וואלן פון 1928. אלערליי פארזוכן וועלן געמאכט ווערן, אפנארערישע פארשטייט זיך, צוצובינדן די פארמער צום עק פון קאפיטאליסטישן רייטוואגן. דער אמעריקאנער קאפיטאליזם קאן ניט לייזן דעם פארם־קריזיס. דער אגריקולטורעלער קריזיס איז ניט קיין פראגע פון א גוטער אדער א שלעכטער גערעטעניש. צייטנווייז זיינען די גערעטענישן אזעלכע גוטע, אז די פרייזן פאלן און דער פארמער גייט אויס מיט די פרייזן צוזאמען. ער ווערט פארטריבן א באנקראטירטער פון דער פארם. ווען די גערעטענישן זיינען שלעכטע, ווערט דער איינקונפט פון די פארמער נאך מער איינגעשרומפן. דער אגריקולטורעלער קריזיס איז דא אין לאנד טיף איינגעווארצלט אין די פונדאמענטאלע אונטערשיידן פון פראדוקציאנס־מעטאדע אין אגריקולטור, וועלכע איז נאך אלץ אינדיווידואילסטיש אין כאראקטער און דער מעטאד פון מאסן־פראדוקציע אין א הויך־אנטוויקלטער, קאפיטאליסטישער אינדוסטריע.

דעם ארבעטער׳ס שטאנדפונקט

פאר די ארבעטער פון אונזער לאנד זיינען דא זעקס פונדאמענטאלע אישום.

1. די סטרייקברעכערישע רעגירונג.

די רעגירונג פון די פאראייניקטע שטאטן, אירע פארשידענע דעפארטמענטס, זיינען אפענע סטרייק־ברעכערישע אגענטורן, וואס ווערן באנוצט פון די ארבעטסגעבער צו דערשטיקן די ארבעטער. אין די וואלן פון 1928 מוז דערציילט ווערן דער אמת וועגן דער ראלע פון דער רעגירונג, וועלכע איז א פשוט׳ע אגענטור פון קאפיטאליסטישן קלאס, צו צעשמעטערן און דערדריקן די ארבעטער און די ארעמע פארמער.

2. אינדזשאנקשאנס.

אין די לעצטע חדשים האט זיך אויף די ארבעטער א שאט נעטאן אן אמת׳ע מגפה, אן עפידעמיע פון אינדזשאנקשאנס. די געריכטן זיינען די קאליפיצירטסטע און ווירקזאמסטע סטרייקברעכערישע אגענטורן פאר די ארבעטסגעבער. אינדזשאנקשאנס

זיינען דער קאנצענטרירטער אויסדרוק צו פארטיידיקן די אינטערעסן פון קאפיטאליסטישן קלאס דורך די געריכטן.

דער אינדזשאנקשאן וואס דער פעדעראלער ריכטער שונמייקער האט ארויסגעגעבן אין פענסילווייניע, וואלט געהייסן דער טויט פון דער מיינערס יוניאן, אויב דער אינדזשאנקשאן זאל אויסגעפאלגט ווערן. דער באשלוס פון סופרים קאורט פון די פאראייניקטע שטאטן, אז די קוילן־בעראנען אין וועסט ווירדזשיניע האבן דאס פולע רעכט ניט צו דערלאזן די מיטגלידער פון דער יונייטעד מיין ווארקערס, אדער וועלכע ניט איז אנדער ארבעטער־ארגאניזאציע, צו יוניאניזירן די מיינערס, איז א באשלוס וואס ווערט פאר דער רעגירונג דער באזיס צו פאראליזירן יעדן מעגלאכן קאמפיין צו ארגאניזירן די אומארגאניזירטע. יעדער ארבעטער, וואס האט א פונק פון קלאסנבאוואוסטזיין, מוז אין פולער אנטשלאסנקייט איגנארירן די אינדזשאנקשאנס וואס די ריכטער גיבן ארויס.

אינדזשאנקשאנס ווערן באנוצט צו בארויבן די ארבעטער פון די דערגרייכונגען וואס זיי האבן אויסגעקעמפט דורך לאנגע יארן: צו פארניכטן זייערע ארגאניזאציעס, וואס האט גענומען דורות אויפצובויען. אינדזשאנקשאנס דארף געמאכט ווערן פאר די ווירקלאכע אישום אין וואל קאמפיין פון 1928.

3. דאס רעכט פון סטרייק און ארגאניזאציע.

אפילו די קאנסערוואטיווסטע טרייד יוניאנס זיינען שוין מער ניט קיין יחסנים ביי די קאפיטאליסטן, און ווערן וואס ווייטער אלץ ווייניקער און ווייניקער טאלערירט. דער סטרייק, ווי א געווער פון די ארבעטער, ווערט געשטעלט אויסער געזעץ. די יוניאן, ווי אן ארבעטער ארגאניזאציע ווערט אפגעווישט. דאס רעכט פון פארזאמלונג, פרייהייט פון רעדע, ארגאניזאציע און סטרייק — פאר די אלע אישום מוזן מיר קעמפן אין די וואלן פון 1928.

4. פארם רעליף.

יעדער ארבעטער מוז פירן א קאמף פאר אמת׳ע הילף פאר די פארמער. די אמעריקאנער רעגירונג האט איינמאל און נאכאמאל אפגעגעבן מיליאנען דאלאר, אין שטייערן, וואס זי האט

צוריקגעקערט, צי אין שטיקער לאנד אלס מתנות, צי אין טאריף־פארלייכטערונגען צו די מיליאנערן, צו די אייזנבאן מאגנאטן, צו די קוילן באראנען, צווי די אינדוסטריעלע הערשער און צו די גרויסע באנקירן. די ארבעטער, פאראייניקט מיט די פארמער, מוזן צווינגען דער רעגירונג צו נעמען כאטש וועלכע ניט איז שריט, כדי אויף פיל ווינציק צו פארלייכטערן דעם שארפן קריזיס פון וועלכן עס ליידן די גרויסע מאסן פון דער אגריקולטורעלער באפעלקערונג.

5. סאציאלע אינשורענס.

די ארבעטער מוזן פירן א שטארקן קאמפיין פאר א געזעצגעבונג אויף א נאציאנאלן מאסשטאב, וואס זאל פארזארגן מיט אינשורענס די ארבעטסלאזע און די אלטע ארבעטער, און די וואס ווערן צוקריפלט פון דער אינדוסטריע. די רעגירונג און די ארבעטסגעבער דארפן צאלן פאר די אינשורענס, וואס דארף פארוואלטעט ווערן פון די ארבעטער ארגאניזאציעס.

6. אמעריקאנער אימפעריאליזם און די מלחמה־געפאר.

צום סוף, אבער ניט צום לעצטן, איז די פראגע פון אמעריקאנער אימפעריאליזם, איינע פון די וויכטיקסטע פראבלעמען איז קומענדן וואל־קאמף. די מלחמה־געפאר איז שארף. דער אמעריקאנער אימפעריאליסטישער אויסשפרייט הויבט אויף און מאבילירט קעגן זיך זיינע קאנקורענטן. די אמעריקאנער אימפעראליסטישע ברוטאלקייט וועקט אויף צום ווידערשטאנד די פעלקער פון דער לאטיינישער אמעריקע. יעדער ארבעטער אין אמעריקע מוז זי דערוויסן וועגן די סקאנדאליעזע מערדערייען, וואס אונזערע מארינען מאכן אויף די פרידנס־ליבנדע ניקאראגוער. דער קאפיטאליסטישער קלאס אין די פאראייניקטע שטאטן איז אויסגעוויקט אין בלוט. ער איז שולדיק אין מארד. יעדער קעמפנדער ארבעטער מוז טאן אלץ וואס ער קאן צו אנטוויקלען ווירקזאמע אפאזיציאנעלע כחות, וואס זאלן ניט דערלאזן אז אזעלכע פארברעכנס זאלן באגאנגען ווערן פון דער רעגירונג פון די פאראייניקטע שטאטן.

פערטער קאפיטל
די קאנדידאטן.

1. רפובליקאנישע פארטיי.

עס זיינען, זינט קולידזש האט „פארגעצויגן" ניט צו לויפן, פאראן א סך קאנדידאטן פאר פרעזידענט. עס איז ווארשיינלאך, אז קולידזש, כאטש ער וואלט דערוויילט געווארן ווען ער וואלט געלאפן, האט „פארגעצויגן" ניט צו לויפן צוליב דריי מאטיוון :

1) דער עקאנאמישער איבערדריים ; 2) דער פארשארפטער אגריקולטורעלער קריזיס, און 3) די מורא פאר א שטארקער אפאזיציע מצד די ארבעטער, קליינער און מיטלער בורזשואזיע צו א דריטן טערמין, — וואס וואלט דראמאטיזירט דעם קאמף קעגן דער מאכט־קאנענטראציע און צענטראליזאציע פון דער רעגירונג — וואס וואלט זיך אנטוויקלט ווען קולידזש וואלט יא „פארגעצויגן" צו לויפן. קולידזש האט געקאנט טשאלענדזשן די דאזיקע אפאזיציע און פאראורטיילן קעגן א דריטן טערמין ; דאס וואלט אבער געווען א קאסטבארער זיג פאר דער גרויס־בורזשואזיע. אבסטראקט איז עס נאך ניט אויסגעשלאסן, אז קולידזש זאל לויפן, כאטש עס זעט אויס העכסט אומווארשיינלאך.

האבן מיר דעם קאנדידאט מר. יוז. טשארלס יוז איז זייער א גוטער קאנדידאט פאר די גרויס־קאפיטאליסטן. ער אפעלירט אבער ניט צו דער ריינק און פייל פון דער רעפובליקאנישער פארטיי, און אין נאציאנאלע עלעקשאנס שאצט די רעפובליקאנישע פארטיי אפילו איר ריינק און פייל.

דערנאך איז פאראן מר. לאודען. מר. לאודען איז א מיליאנער. צו אים זאגט שבחים יעדער איינער, וואס פארט אין א פולמאן. מר. לאודען, ווען ער האט חתונה געהאט מיט מר. פולמאנ'ס טאכטער און האט גע'ירשנ'ט איר פאטער'ן מיליאנען, האט געטאן א גליקלאכן שידוך און איז אריינגעפאלן אין א שמאלץ־גרוב. ער האט אביסל ניט פארזיכטיק זיך געווארפן מיט

הונדערטער טויזנטער דאָלאַר אין די פּריימערי וואַלן פון דער רעפּובליקאַנישער פּאַרטיי אין 1920. דאָס איז איינע פון די אורזאַכן פאַרוואָס לאָודען, כאָטש ער מאַכט נאָך אַ סך טומל וועגן זיין פריינטשאַפט צו די פאַרמער, איז היינט שוואַכער ווי אין 1920. עס איז אמת, אַז פאַר לאָודען זיינען אַ גרויסע צאָל רייכע פאַרמערס. דאָס אָבער גיט אים נאָך ניט די נאָמינאַציע.

דאָז איז אויך אַ קאַנדידאַט. דאָוז האָט אַ גוטן שאַנס ער איז אַ שטאַרקער קעמפער פאַר אָפן שאַפּ, אַ שרייענדער אַרבעטער־האַסער. דאָוז האָט אַ געוויסן פאָרצוג מיט דעם, וואָס ער רעדט די שפּראַך פון די מאַסן. ער ווייס ווי צו זיין אַ באַנקיר און אין דערזעלבער צייט זיך אויסזידלען. אַזעלכע „נידעריקלאַכע" אייגנשאַפטן ווערן צייטנווייז געשאַצט זייער הויך פון דער אַמעריקאַנער בורזשואַזיע. לאָמיר זיך דערמאָנען האַרדינג'ן. פּאָליטיש איז ער געווען אַ נול, פונדעסטוועגן איז הארדינג געווען אַ „יאַט", וואָס האָט געוואוסט ווי צו שמייכלען. הינטער דעם דאָזיקן שמייכל האָט ער יאָרנלאַנג געקאָנט באַהאַלטן דעם „טיפּאַט דאָום" צוזאַמען מיט'ן „פּרעזידענט'ס טאָכטער" און יעדע פאָרמע פון נידעריקער קאָרופּציע. אין קאַפּיטאַליסטישער פּאָליטיק ווערט אַ שמייכל אָפט זייער טייער געשאַצט.

דאָוז ווייס ווי צו רויכערן זיין פּיפּקע מיט'ן קאָפּ אַראָפּ. ער איז דער, וואָס האָט אַראַנזשירט דעם מעקנארי־האוגען ביל, אין וועלכן די פאַרמערס האָבן געשטימט פאַר דעם מעקפאַדן ביל און די באַנקירן האָבן דורך זייערע סענאַטאָרן געשטימט פאַר די פאַרמער. פאַרשטייט זיך, אַז דאָ איז בלויז אַ קלייניקייט פאַרזען געוואָרן. די גרויסע באַנקירן האָבן געקאָנט אַ וואונק טאָן זייער פּרעזידענט קולידזש, ער זאָל וועטאָאירן דעם מעקנארי־האוגען ביל; אָבער די אַזוי־גערופענע פּאַרטיידיקער פון אַזוי־גערופענעם פאַרם רעליף ביל, — נאָכדעם ווי זיי האָבן אויסגעפונען אַז זיי זיינען אָפּגענאַרט געוואָרן, — האָבן ניט געקאָנט פועל'ן ביים פּרעזידענט ער זאָל דעם מעקפאַדן ביל וועטאָאירן, אַזוי ווי ער האָט וועטאָאירט דעם מעקנארי־האוגען ביל. דורך אָט דער מאַנעוורע האָט דאָוז פאַר אַ מאָמענט געוואונען באַדן צווישן די מיטל־וועסטערן פאַרמערס. דאָוז איז אַ קאַנדידאַט, וואָס ווערט באַטראַכט ערנסט, כאָטש ער איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין אייזקעסטל פון וויצע־פּרעזידענטשאַפט.

מר. מעלאָן איז דער פייאיקסטער קאַבינעט באַאַמטער ביי די רעפּובליקאַנער, אָבער זיינע גרויס־קאַפּיטאַליסטישע פאַרבינדונגען זיינען צו ברוטאַל אָפן, אַז ער זאָל קאָנען באַטראַכט ווערן פאַר אַ רעפּובליקאַנער פּרעזידענט־קאַנדידאַט. מעלאָן קאָן ניט אַפּעלירן צו די מאַסן זיי זאָלן אים אָפּגעבן זייערע שטימען.

הואָווער איז אויגנשיינלאַך דער בעסטער קאַנדידאַט פון דער רעפּובליקאַנישער פּאַרטיי. הואָווער איז היינט דער בעסטער סימבאָל פון גרויס־קאַפּיטאַליסטישער עפישענסי, מאַסן־פּראָדוקציע, אינטענסיווע עקספּלואַטאַציע און וויסנשאַפטלאַכע פאַרוואַלטונג. איז עס אַ פאַרפלייצונג פון דער מיסיסיפּי, איז הואָווער דער אינזשינער וואָס ראַטעוועט די דרום'דיקע דעמאָקראַטן! אויב מען שטאַרבט אין דעם גרויסן הונגער אין רוסלאַנד, קומט הואָווער זיי צו „הילף". מען רופט אים דער האַנדלס־סעקרעטאַר. הואָווער וואָלט אין דער אמת'ן געדאַרפט אָנגערופן ווערן אי האַנדלס־סעקרעטער, אי אויבער־סעקרעטער פון יעדן אַנדערן דעפּאַרטמענט פון דער רעגירונג. עס איז ניטאָ קיין רעגירונגס ביוראָ אין וועלכער הואָווער זאָל ניט האָבן אַריינגעשטעקט זיין פינגער אויף איין אָדער אַן אַנדער אופן.

אין דער סאַוט וועט הואָווער פאַרקויפט ווערן און וועט ברייינגען שטימען אויפ'ן גרונט פון זיין הילף אין דער פאַרפלייצונג; אין דער וועסט, פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם פּראָיעקט פאַר קאָנטינענטאַלע וואַסער־וועגן; אין דער איסט פאַרטרעט ער דעם גרויס־קאַפּיטאַל. גאָווערנאָר פולער פון מאַסאַטשוזעטס, וואָס האָט אָפּגעבראָטן צוויי מענטשלאַכע לעבנס, סאַקאָ און וואַנזעטי, האָט שוין אינדאָרסירט הואָווער'ן, און מען רעדט וועגן אים אָפן ווי וועגן דעם מעגלאַכן ווייס־פּרעזידענט מיט הואָווער'ן אויפ'ן באַלאָט. סענאַטאָר עדזש פון ניו דזשוירזי, אַ מיטגליד פון דער קעניגלאַכער פאַמיליע (אַ שוואָגער פון פּרעזידענט וואַלטער סי טיעגל) פון דער סטענדאַרד אויל פון ניו דזשוירזי, איז אַ הייסער חסיד פון הואָווער'ס קאַנדידאַטור. דער אינדזשאָנקשאָן צו ברעכן דעם מיינער סטרייק אין 1919, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אויפ'ן גרונט פון דעם לעווער אַקט, וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן פון האָוווער'ן.

נאָך דער מלחמה איז האַרדינג מיט'ן שמייכל אַרויסגעשטעלט

געוואָרן אַלס דער קאַנדידאַט צו לינדערן די וואונדן פון דער מלחמה. דער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם, וואָס ווערט איצט אָנגעגריפן פאַר זיינע שיילאָק־מעטאָדן אין אַ צייט ווען ער באַרימט זיך אַזוי מיט זיינע עפישענסי מיטלען, נוויטיקט זיך זייער שטאַרק אין אַזאַ קאַנדידאַט ווי הואווער, וואָס דאַרף אין דער איצטיקער לאַגע, זיין דער סימבאָל פון אַמעריקאַנער אידעאַליזם און הומאַניטאַרישקייט. הואווער איז פאַר איינציקע ליבעראַלן פון דער „ניו רעפּאָבליק“ דער רעטער פון דער רוסישער רעוואָלוציע, און פאַר איינציקע פייק ליבעראַלן וועט ער זיין דער איין און איינציקער רעטער פון דער מענטשהייט; צוליב זיין דערפאָלג אַלס קאַפּיטאַליסטישער מאַגנאַט, וועט ער זיין דער איין און איינציקער, וואָס וועט קענען ראַטעווען דאָס לאַנד פון אַרבעטסלאָזיקייט, פון פאַרשאַרפטן קריזיס און גלייכצייטיק פאַרשטאַרקן דעם אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם.

דעמאָקראַטישע קאַנדידאַטן

ערשטנס קומט גאָווערנאָר ריטשיע פון מערילענד, וועלכער באַשטייט אויף דאָס רעכט פון יעדן שטאַט באַזונדער. דאָס איז זיין ליבלינגס אידייע. ער איז אָבער פאַר שטאַטס־רעכט בלויז אויף אַזוי פיל, עס זאָל געפעלן ווערן דער גרויס־בורזשואַזיע פון דער סאַוט. מערילענד איז איינע פון יענע גרענעץ־שטאַטן פון דער נאָרט, אין וועלכע דער צפון׳דיקער קאַפּיטאַל עסט זיך דורך זיין וועג און קריגט קאָנטראָל. זאָל אָבער ריטשי רערווײַלט ווערן אַלס פּרעזידענט און עס זאָל אונטער דער צייט פון זיין אַדמיניסטראַציע אויסברעכן אַ נאַציאָנאַלער אייזנבאַן־סטרייק, וועט ער זיך ניט שטאַרק איינרייסן די קאַפּאַטע פאַר דאָס רעכט פון די שטאַטן. אין אַזאַ פאַל וואָלט גאָווערנאָר ריטשי מיט צופרידנהייט געבראָכן דאָס רעכט פון זיין אייגענעם שטאַט און וואָלט אַריינגעשיקט פעדעראַלע סאָלדאַטן צו צעשמעטערן די רייען פון די אייזנבאַן סטרייקער אין מערילענד.

וואָלש פון מאָנטאַנאַ איז אויך איינער פון די פּרעזידענטישע שטשעפּקעס, כאָטש ער איז אַ קאַטאָליק. וואָלש איז פאַר די דעמאָקראַטן אַ מין קריסטאָפער קאָלאָמבוס אין דער וועלט פון

קאָרופּציע. ער איז דאָס דער, וואָס האָט אַנטדעקט דעם טיפּאָט דאָום סקאַנדאַל.

עס איז אויך פאַראַן דער מולטי־מיליאָנער אָוען ד. יאָנג, פון דער דזשענעראַל עלעקטריק קאָמפּאַני. ער איז, זאָגט מען, דער געזעצלאַכער פאָטער פון דאָוז־פּלאַן. דאָוז איז דער אָפיציעלער, לעגאַלער, אָבער ניט דער אַקטועלער פאָטער. יאָנג האָט אַ שטיקל שאַנס אין דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, אָבער ניט זייער קיין שטאַרקן שאַנס, אַז ער זאָל קאָנען קריגן די נאָמינייישאָן.

און צום סוף קומט סמיט. סמיט וועט פּאָפּולאַריזירט ווערן. זיין נאָמען וועט מעגלאַך געענדערט ווערן אויף „פּעל“ סמיט. אין לעצטן סך הכל פאַרטרעט סמיט די גרויס־קאַפּיטאַליסטישע אינטערעסן פונקט ווי הואווער. ער האָט הינטער זיך אַ געוויסע געשיכטע; זיין אָפּשטאַם איז ביז אַ געוויסער מאָס פאַרבונדן מיט טעמעני האָל, וואָס קאָן זיך אַרויסווייזן פאַר אַ שטער אין וועג; דער דאָזיקער חסרון קאָן נאָך אָבער אַזוי אומגעוואַנדלט ווערן, עס זאָל גאָר ווערן אַ מעלה פאַר דער בורזשואַזיע. עס וועט זיין גרינגער צו קאַמופלאַזשעווען די מאַסן.

סמיט פאַרמאָגט אַ שמייכל. ער ווייס ווי אַ זופּ צו טאָן. ער ווייס אַפילו ווי צו טראַקטירן אַ טרונק. ער פאַרטרעט מיט זיך די קאַפּיטאַליסטישע אינטערעסן, וואָס באַהערשן היינט די דעמאָקראַטישע פּראַטיי, מער ווי איז 1924. די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן פון דער וועסט און סאַוט, וואָס זיינען ביז היינט פאַרטראָטן געוואָרן אין דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי דורך מעקאַדו, זיינען היינט שוואַכער ווי מיט פיר יאָר צוריק. דער גרויס־קאַפּיטאַל פון דער איסט איז אין דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי היינט צוטאָג מעכטיקער ווי ווען עס איז. סמיט׳ס קאָנטראָל פון די עלעקטאָראַלע שטימען אין שטאַט ניו יאָרק, זיינען פון גרויס נוצן פאַר אים אין דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. אַרום און אַרום איז סמיט אַ קליינבירגערלאַכע הענטשקע, אין וועלכער עס איז באַהאַלטן אַ גרויס־בורזשואַזער אייזערנער פויסט.

נאָר אונטער די איצטיקע באַדינגונגען איז דאָ זייער ווייניק האָפנונג, אַז סמיט זאָל דערווײַלט ווערן. דער מאַקסימום צאָל עלעקטאָראַלע שטימען וואָס סמיט קאָן צונויפזאַמלען, זיינען 249. דער מינימום וואָס ער דאַרף זיינען 266. אַפילו אויב די סאָלידע סאַוט זאָל טאַקע שטיין סאָליד און ניט אָפּברעכן זיך, קאָן ער

פון דארט קריגן 114 עלעקטאראלע שטימען, און אפילו ווען איר זאלט וועלן זיין גוט צו סמיט'ן און אים צוגעבן ניו יארק, ניו דזשוירזי, מאסאטשוזעטס, ראוד איילאנד, קאנעטיקוט, מערילענד, מאנטאנא, נעוואדא און אפילו וויסקאנסין, וועט ער נאך אלץ האבן ניט מער ווי 249 עלעקטאראלע שטימען, וואס איז ניט גענוג צו ווערן פרעזידענט פון די פאראייניקטע שטאטן.

פינפטער קאפיטל:

צו א לייבאר פארטי

איצט לאמיר באטראכטן וואס עס איז די אויפגאבע פון די ארבעטער. אונזער ארבעטער־קלאס איז פאליטיש שוואך. מיר האבן ניט קיין זעלבסטשטענדיקע מאסן־פארטיי פון ארבעטער. די ווארקערס (קאמוניסטישע) פארטי גלויבט, אז די פונדאמענטאלע אויפגאבע, וואס שטייט פאר די אמעריקאנער ארבעטער און עקספלואטירטע פארמערס אין די וואלן פון 1928, איז צו פאראייניקן זיך און ארגאניזירן א לייבאר פארטי.

מיט'ן מויל איז אפילו די סאציאליסטישע פארטיי, פון צייט צו צייט, פאר א לייבאר פארטי; אירע דערקלערונגען ווערן אבער אפגעווישט און צעטומלט אין אירע גערייעדרייען וועגן א „רעוואלוציע פון א דריטער פראגרעסיווער פארטיי“. אויב די נארריס־בארא גרופע אין די פאראייניקטע שטאטן זאל אננעמען דעם קורס פון א דריטער קליינבירגערלאכער פארטיי, איז זייער מעגלאך, אז די סאציאליסטישע פארטיי זאל ערנסט באטראכטן צו ווערן א טייל פון דער דאזיקער גרופע. עס איז אמת, אז די פירערשאפט פון דער סאציאליסטישער פארטיי רעדט היינט ניט אפן וועגן אזא קורס. הילקוויט און בערגער פאלגן אבער נאך א פאליסי, וואס פירט אומפארמיידלאך אין דער דאזיקער ריכטונג. עס איז אויך ניט אוממעגלאך, אז זיי זאלן אריינטרעטן אין אזא קאמבינאציע, ניט אכטענדיג אויף דעם, וואס די ביוראקראטיע פון דער אמעריקען פעדערייישאן אוו לייבאר האלט נאך אלץ אן איר באנקראטירטע פאליסי פון באשטראפן די שונאים און באלוינען די פריינט. דער סאציאליסטישער פארטיי וואלט אפילו ניט געארט דער פאקט, וואס די ביוראקראטיע פון דער א. פ. אוו ל. האט דאס מאל ניט אפגעבראכן מיט דער דעמאקראטישער און רעפובליקאנישע פארטייען, ווי זי האט עס געטאן אין 1924.

די קאמוניסטן וויסן זייער גוט, אז עס איז ניט גענוג

בלויז צו אַגיטירן פֿאַר אַ לייבאָר פּאַרטיי. די קאָמוניסטן שלאָגן קיינמאָל ניט פֿאָר קיין פּלאַטפֿאָרם אָדער פּראָגראַם, וואָס זאָל ניט זיין באַזירט אויף סאָלידע אָביעקטיווע באַדינגונגען.

פֿונדאַמענטאַלע באַדינגונגען פֿאַר אַ לייבאָר פּאַרטיי

וואָס זיינען די פֿונדאַמענטאַלע באַדינגונגען פֿאַר אַ לייבאָר פּאַרטיי אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן? ערשטנס, פֿאַלט דער לאָזונג „פֿאַר אַ לייבאָר פּאַרטיי" פֿולקאָם צונויף מיט דער אַנטוויקלונגס שטופֿע און מיט דעם שטאַפּל פֿון קלאַסנבאַוואוסטזיין פֿון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג. אַזוי אַרום אַפּעלירט עס צו הונדערטער טויזנטער אַרבעטער. וויפֿיל מיר זאָלן ניט שטאָלצירן מיט אונזער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, ווי גוט מיר זאָלן ניט וויסן אַז אונזער פּאַרטיי איז און וועט זיין די, וואָס וועט פֿירן די אַרבעטער צום זיג דורך אַנטשידענעם שטרייט, ווי עס ווייזן אירע אויסצייכנונגען אין די איצטיקע טאָג־טעגלאַכע קאַמפֿן; פֿונדעסטוועגן ווייסן מיר, אַז אין דער איצטיקער אַנטוויקלונגס־שטופֿע, ווען דער קלאַסנבאַוואוסטזיין ביי די אַרבעטער איז ניט גרויס, ווען די פּאָליטישע אַנטוויקלונג ביי די אַרבעטער איז אויף אַ נידעריקער שטופֿע, — אַנערקענען מיר, אַז אונזער פּאַרטיי גרייכט ניט ווי געהעריק די ברייטע מאַסן מיט איר רוף; דאָס איז הויפּטזאַכלאַך אמת אין וואָל קאַמפּאַניעס און אין פּאַרלאַמענטאַרישע קאַמפֿן. דעריבער אַנערקענען מיר, אַז אין דער איצטיקער אַנטוויקלונגס־שטופֿע איז עס אַ פֿונדאַמענטאַלע אויפֿגאַבע צו פֿאַראייניקן אַלע אַרבעטער אין אַ פּאַרטיי, וואָס זאָל זיין בלויז אַן אַרבעטער פּאַרטיי.

צווייטנס, די לעצטע יאָרן האָט זיך געמערקט מער ווי ווען עס איז פֿריער אַ מעכטיקער וואוקס אין דער צענטראַליזאַציע פֿון די רעגירונגס־כּחות אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. חוץ דער אַרמיי און פֿלאָט זיינען היינט פֿאַראַן מער ווי אַ האַלבער מיליאָן פֿעדעראַלע רעגירונגס אַנגעשטעלטע. מיט'ן וואוקס פֿון אימפּעריאַליזם, מיט דער אַנטוויקלונג פֿון מאַסן פּראָדוקציע, מיט דעם צונויפֿשפּאַרן הונדערטער און טויזנטער אַרבעטער אין איין פֿאַבריק און מיט דער מאָביליזאַציע פֿון טויזנטער אַרבעטער אין גיגאַנטישע קאַמפֿן, הויבט די רעגירונג אָן שפּילן אַלץ אַ גרע־

סערע סטרייק־ברעכערישע ראָליע: אַלץ מער ווערט זי די פֿאַרטיידיקערין פֿון די אינטערעסן פֿון הערשנדן קלאַס קעגן די אַרבעטער. דורכדעם ווערן די קאַמפֿן פֿאַר די פֿונדאַמענטאַלסטע פֿאָדערונגען פֿון די אַרבעטער אַלץ מער און מער פּאָליטיש און די אַרבעטער זיינען אַלץ מער און מער געצוואונגען צו שטעלן זיך קעגן דער רעגירונג און צו באַקעמפֿן די רעגירונג. דאָ ליגט דער פֿונדאַמענטאַלסטער פֿאַקטאָר פֿאַר אַ לייבאָר פּאַרטיי. קוקט זיך צו צו די אינדזשאָנקשאָנס, גיט אַכטונג וואָס עס טוט זיך איצט אין פּענסילווייניע, אָהייאָ און קאָלאָראַדאָ.

נאָך אַ פֿונדאַמענטאַלער פֿאַקטאָר פֿאַר אַ לייבאָר פּאַרטיי אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן איז דאָס אַנטוויקלען זיך פֿון אַן איינהייטלאַכן אַרבעטער קלאַס. אין לויף פֿון דער מלחמה איז קלענער געוואָרן דער תּהום צווישן קוואַליפֿיצירטן און ניט קוואַליפֿיצירטן אַרבעטער; די אימיגראַציע איז אָפּגעשטעלט און די אַנטוויקלונג פֿון אַ געבירטיקן אַרבעטער קלאַס אין די פֿונדאַמענטאַלע אינדוסטריען, צו דער עקספּראָפּריאַציע פֿון אַמעריקאַנער פֿאַרמערס טרייבט אין דער ריכטונג פֿון אַן איינהייטלאַכן אַרבעטער קלאַס און העלפֿן לייגן דעם פֿונדאַמענט פֿאַר אַ קלאַסן פּאַרטיי פֿון די אַרבעטער אויף אַ נאַציאָנאַלן מאַסן באַזיס.

דריטנס, איז אַ „לייבאָר פּאַרטיי" אַ ווירקזאַמער, פֿאַראייניקנדיגער לאָזונג. אַרבעטער, וואָס האָבן געשטימט פֿאַר די דעמאָקראַטן אָדער רעפּובליקאַנער, פֿאַר לאַפֿאָלעט'ן, אָדער אפֿילו פֿאַר די סאָציאַליסטן, זיינען נאָך ניט רייף צו שטימען פֿאַר דעם קאָמוניסטישן וואַל־צעטל. די לייבאָר פּאַרטיי גיט די אַרבעטער אַ פּאָן, אַרום וועלכער זיך צו פֿאַראייניקן. צי זיינען עס די סטרייקנדע בוי־אַרבעטער אין קאַליפֿאָרניע, די קעמפֿנדע נאָדל־טרייד אַרבעטער אין ניו יאָרק, די אויסגעשלאָסענע מיינער אין אָהייאָ און פּענסילווייניע, די סטרייקנדע מיינער אין קאָלאָראַדאָ — צו אַט די ברייטע מאַסן קאָן געוואָרפֿן ווערן דער איינייקנדער לאָזונג פֿאַר אַ לייבאָר פּאַרטיי.

דער פּרובירשטיין פֿון פּראָגרעסיוויזם פֿאַר וועלכער ניט איז אַרבעטער אָרגאַניזאַציע אין די קומענדיקע וואַלן וועט זיין

די פראַגע פון אַ לייבאָר פּאַרטי. אויב די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי זאָל אין 1928 שטיין אין וועג פון אַ לייבאָר פּאַרטי, אָדער מאַכן נאָך אַ פּאַרזוך צו פּאָזירן אַלס לייבאָר פּאַרטי, וועט זי דערמיט באַגיין דעם שוואַרצסטן פאַרברעכן. וואָס זי איז נאָך וועז עס איז באַגאַנגען קעגן די אַרבעטער פון לאַנד.

פאַרוואָס אייגנטלאַך אַ לייבאָר פּאַרטי אין די פאַראייניקטע שטאַטן?

מען קאָן שטעלן די פראַגע: פאַרוואָס גלויבט די וואָרקערס פּאַרטי, אַז אין אַמעריקע גייט די פּאָליטישע אַנטוויקלונג פון אַרבעטער קלאַס, די אַנטוויקלונג פון אַ מאַסן־פּאַרטיי פון אַרבעטער, אויפ׳ן וועג פון אַ לייבאָר פּאַרטי? פאַרוואָס האָט זיך דער אַרבעטער קלאַס אין די אייראָפּייאישע לענדער, דייטשלאַנד, פראַנקרייך, רוסלאַנד, איטאַליע, אַנטוויקלט פּאָליטיש דורך דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע, באַזירט אויף אינדיווידועלער מיטגלידערשאַפט, אַנשטאַט זי זאָל גיין דורך דעם וועג פון אַ לייבאָר פּאַרטי, וואָס איז הויפּטזאַכלאַך באַזירט אויף די טרייד יוניאָנס און אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס; דאָס הייסט, אויף קאָלעקטיווער מיטגלידערשאַפט, אַנשטאַט אויף אינדיווידועלער? עס איז ניט שווער צו באַמערקן, אַז די לייבאָר פּאַרטי סיסטעם האָט זיך אַנטוויקלט אין די אַנגלאָ־זאַקסישע לענדער און אין בעלגיע.

דער ענטפער צו אָט דער פונדאַמענטאַלער פראַגע האָט געגעבן זייער קלאָר דזשאָן פּעפּער אין „וואָרקערס מאָנטלי“, יאַנואַר, 1926, אין אַן אַרטיקל, „פאַרוואָס אַ לייבאָר פּאַרטי?“ דזשאָן פּעפּער זאָגט אין יענעם אַרטיקל:

„די געשיכטע פון די דאָזיקע לענדער און הויפּטזאַכלאַך די געשיכטע פון אַרבעטער קלאַס, וועט פאַר אונז דערקלערן ווי אַזוי די סיסטעם פון אַ לייבאָר פּאַרטי האָט זיך אַנטוויקלט אין געוויסע לענדער און די סיסטעם פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען אין אַנדערע לענדער. אין די לענדער, וואו עס געפינט זיך היינט אַ לייבאָר פּאַרטי, זיינען פריער געבאָרן געוואָרן די טרייד יוניאָנס (ענגלאַנד) און דערנאָך איז אויפגעקומען די פּאָליטישע פּאַרטיי. פאַרקערט, ווידער, וואו מיר געפינען סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, זעען

מיר, אַז דאָרט זיינען פריער געבאָרן געוואָרן די פּאָליטישע פּאַרטייען און דערנאָך זיינען פאָרמירט געוואָרן די טרייד יוניאָנס (רוסלאַנד, דייטשלאַנד, עסטרייך, א. אַ. וו.)

„דאָס איז נאָך אָבער ניט די פונדאַמענטאַלע אורזאַך. ווען מיר אַנאַליזירן ווייטער, געפינען מיר, אַז אין די לענדער, וואו די אינדוסטריעל־מאָנאָפּאָליסטישע אַנטוויקלונג האָט פריי צושפּאָלטן דעם אַרבעטער קלאַס, זיינען די טרייד יוניאָנס פאָרמירט געוואָרן פריער און די פּאָליטישע פּאַרטייען זיינען אויפגעשוואונגען אַ סך שפּעטער. אַ צושפּאָלטענער אַרבעטער קלאַס איז ניט בכח צו פאָרמירן אַ פּאָליטישע פּאַרטיי. ערשטנס, צוליב דעם, וואָס די אַריסטאָקראַטישע סעקציע פון אַרבעטער קלאַס איז ניט פאַראינטערעסירט אין אַ פּאָליטישער פּאַרטיי. די דאָזיקע אַריסטאָקראַטישע סעקציע איז געווען בכח צו פאַרטיידיקן אירע אינטערעסן דורך די טרייד יוניאָנס; אירע פּאָליטישע אינטערעסן זיינען אידעאָלאָגיש געווען (און טיילווייז אויך אין דערווירקלאַכקייט) ניט קיין אַנדערע, ווי די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע. דער צווייטער טייל, דער אמת׳ער פּראָלעטאַריאַט, איז, אין געגנטייל, געווען אָן אַ פירערשאַפט, ווייל די אַריסטאָקראַטיע פון אַרבעטער קלאַס פאַרמאָגט די קוואַליפיצירטע און געבילדעטע עלעמענטן, וואָס פּאַסן פאַר אַ פירערשאַפט. באַרויבט פון די דאָזיקע עלעמענטן, איז דער אמת׳ער אַרבעטער קלאַס ניט געווען בכח צו אָרגאַניזירן קיין טרייד יוניאָנס און ניט צו פאָרמירן קיין פּאָליטישע פּאַרטיי. דאָס איז די פונדאַמענטאַלע אורזאַך פאַרוואָס אין די דאָזיקע לענדער זיינען פריער אויפגעשוואונגען טרייד יוניאָנס.

„די טרייד יוניאָנס זיינען פון אָנפאַנג געווען בלויז פּאַרטיידיקער פון די קוואַליפיצירטע אַרבעטער, די אַריסטאָקראַטיע פון אַרבעט, און ערשט דערנאָך האָבן זיי אָנגעהויבן אַריינגעמען אין זייערע רייען אומגעשולטע אַרבעטער. אַ קלאַסישן ביישפּיל פאַר דעם גיט גרויס בריטאַניע. דאָרט זעען מיר, באַלד נאָך דעם אָנפאַנג פון אימפּעריאַליסטישער אַנטוויקלונג, דאָס צושפּאַלטן זיך פון אַרבעטער קלאַס, ווי עס האָבן שוין אָנגעוויזן מאַרקס, ענגלס און לענין. מיר זעען די שפּאַלטונג, וואָס איז פאַראורזאַכט דורך דער אַרבעטער אַריסטאָקראַטיע — עס ווערט באַשאַפן די אַריסטאָקראַטישע טרייד יוניאָן. די מאַסן אומגעשולטע אַרבעטער זיינען אינגאַנצן ניט געווען אָרגאַניזירט. בלויז אַ דאַנק די אומאויפהערלאַכע אַטאַקעס פון די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען אויף די פּריווילעגיעס פון דער אַרבעטער אַריסטאָקראַטיע, געריכט פאַרפאָלגונגען קעגן די עקזיסטירנדע יוניאָנס פון דער אַרבעטער אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָט געבראַכט צו אַ רעוואָלוציע...

„די דאָזיקע אַנטוויקלונג, וואָס ענגלאַנד האָט דורכגעלעבט אין די נײַנציקער יאָרן, האָבן מיר אָנגעהויבן בייצואוואוינען אין די פאַראייניקטע שטאַטן ערשט אַרום 1913. די מלחמה, די אַנטוויקלונג פון אַ גיגאַנטישער, ביוראָקראַטיש־צענטראַליזירטער שטאַטס־מאַכט, דאָס

אַריינמישן זיך פון דער רעגירונג אין טאָג־טעגלאַכן לעבן פון די אַרבעטער און אָרימע פּאַרמער; דאָס באַנוצן פון רעגירונגס־סאָלדאַטן און אינדזשאָנקשאָנס קעגן סטרייקער; די ריזיקע קאַמפּן פון ניט ווינציקער ווי אַמיליאָן אַרבעטער אין 1922; אין דער זעלבער צייט, דער גרויסער אינדוסטריעלער קריזיס אין 1921; דער קאַטאַסטראָפאַלער קריזיס אין דער אַגריקולטור; די פראַקציאָנעלע גרופּירונגען אין די אַלטע פּאָליטישע פּאַרטייען. וואָס האָבן צוליב די פאַרשאַרפטע קאַמפן געדראָט מיט אַ שפּאַלטונג, — די אַלע פאַקטאָרן האָבן געטריבן די מאַסן אויפ׳ן וועג צו אַ לייבאָר פּאַרטי...“

אויסזיכטן פאַר אַ לייבאָר פּאַרטי

אין דעם לעצטן יאָר זיינען די באַדינגונגען פאַר אַ לייבאָר פּאַרטי פאַרבעסערט געוואָרן. דער באַנקראָט פון דער נאָן־פּאַרטיזאַן פּאָליטישער פּאָליסי פון דער ביוראָקראַטיע פון דער אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר, דער שטורם פון פאַרניכטנדיקע אינדזשאָנקשאָנס אין מיינער סטרייק, דער אָגולנער און אומברחמנות׳דיקער באַנוצן פון דער רעגירונגס מאַשין אַלס סטרייקברעכערישע אַגענטור אין פּענסילוויניע, אָהייאָ און קאָלאָראַדאָ, דער פאַרשאַרפטער עקאָנאָמישער שטילשטאַנד: דאָס, וואָס די אַגריקולטורעלע לאַגע האָט זיך פאַרערגערט; די וואַקסנדע אומצופרידנקייט אין דער רעפּובליקאַנישער פּאַרטיי; די כחות פון פּאַנאַנדערפאַל, וואָס אַרבעטן אין דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי: דאָס אַריינמישן זיך פון דער רעגירונג אין די טאָג־טעגלאַכע קאַמפּן פון די אַרבעטער: די ווייטערע אויסברייטערונג פון דער שטאַטס־מאַשין קעגן די אַרבעטער, וואָס ווישט אָפּ די ליניען צווישן קוואַליפיצירטע און אומגעשולטע אַרבעטער, — דאָס אַלץ, צוגעבנדיק די פאַקטאָרן, וואָס טרייבן צו דער איינהייטלאַכקייט פון אַמעריקאַנער אַרבעטער קלאַס, זיינען די כחות פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַ לייבאָר פּאַרטי אין 1928.

עס איז אָבער ניט זיכער, אַז עס וועט זיין אַ לייבאָר פּאַרטי אין 1928. די קאָרופּטע טרייד יוניאָן ביוראָקראַטיע, וואָס באַהערשט די אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר, וועמעס אַפּאַראַט עס איז אין דער אמת׳ן אַ פענסטער צו וואָל סטריט; די קליקע פון לייבאָר באַנקירן, וואָס פאַרפעסטן די טרייד יוניאָן באַוועגונג; די פאַררעטערישע ראָליע, וואָס עס שפּילט די סאָציאַליס־

טישע פּאַרטיי; די וואָרקערס פּאַרטי, וועמעס כח עס איז נאָך אַלץ צו שוואַך, — די דאָזיקע אַלע פאַקטאָרן דערקלערן פאַרוואָס די אַנטוויקלונג פון דער באַוועגונג פאַר אַ לייבאָר פּאַרטי גייט מיט אַזאַ לאַנגזאַמען טעמפּאָ.

אויב עס זאָל ניט זיין קיין נאַציאָנאַלע לייבאָר פּאַרטי אין 1928, דאַן איז עס דער חוב פון די אַרבעטער צו בויען שטאַטס און לאָקאַלע לייבאָר פּאַרטייען; צו אָרגאַניזירן קאָמיטעס פון פּראָגרעסיווע טרייד יוניאָניסטן און עקספּלואַטירטע פּאַרמער, וואָס זיינען פאַר אַ לייבאָר פּאַרטי. אויב עס זאָל ניט זיין קיין נאַציאָנאַלע לייבאָר פּאַרטי אין 1928, דאַן דאַרפן די אַרבעטער לכל הפּחות שטרעבן אויפצובויען אַ וואָל־צעטל אויף אַ נאַציאָנאַלן פאַראייניקטן פראָנט פאַר 1928. וואָס עס זאָלן ניט זיין די אונטערשיידן צווישן די אַרבעטער גופא אין פראַגן, וואָס צוטיילן זיי, טאָרן זיי ניט דערלאָזן, אַז די דאָזיקע אונטערשיידן זאָלן זיך שטעלן אין וועג צו פאַראייניקונג, לכל הפּחות פּאָליטיש, אַלס קלאַס, אונטער דער פאָן פון „אַ פאַראייניקטן וואַל־צעטל פאַר 1928“.

די וואָרקערס פּאַרטי שאַפט זיך ניט קיין אילוזיעס וועגן דעם, וואָס אַ לייבאָר פּאַרטי קאָן און וועט טאָן פאַר די אַרבעטער. מיר ווייסן, אַז עס איז בלויז די דיסציפּלינירטע, קלאַסנבאַוואוסטזיניקע, אויסגעמושטירטע, קלאָרזעענדיקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי, מיט איר לענינסטישער פּראָגראַם, וועלכע קאָן פירן די אַרבעטער צום זיג. מיר קוקן אויף דער לייבאָר פּאַרטי ווי אויף דעם גרויסן נעקסטן און וויכטיקסטן שריט אין ־ער ריכטונג פון פּאָליטישער אַנטוויקלונג און באַפרייאונג פון אַמעריקאַנער אַרבעטער. די קאָמוניסטן פאַרשטייען זייער גוט, אַז אַפילו ווען אַ לייבאָר פּאַרטי. אָדער אַ פאַראייניקטער אַרבעטער־צעטל, וואָלט ניט געצויגן מער ווי אַ מיליאָן שטימען — ווען דאָס וואָלט נאָר געקומען דורך אַן עכטער פאַראייניקונג פון די אַרבעטער און אָרימע פּאַרמער, פולקאָם זעלבסטשטענדיק פון די גרויסע בורזשואַזע פּאַרטייען. — וואָלט עס געווען אַ גיגאַנטישער שריט פאָראויס און אַ ריזיקער זיג פאַר׳ן אַמעריקאַנער אַרבעטער קלאַס. עס איז זייער מעגלאַך, אַז ווען אַזאַ פּאַרטיי, אָדער וואָל־צעטל, זאָל פאָרמירט ווערן, וואָלט עס געצויגן עטלאַכע מיליאָן שטימען.

דער חוב פֿון די אַרבעטער אין איצטיקן מאָמענט איז אַריינצואוואַרפֿן זיך מיט לייב און לעבן אין דער אַרבעט פֿון פֿאָרמירן אַ לייבאָר פּאַרטי, אָדער אַ פֿאַראייניקטן וואַל־צעטל פֿון אַרבעטער. דאָס איז דער ווירקזאַמסטער וועג, אין וועלכן די אַמעריקאַנער אַרבעטער קאָנען קעמפֿן אין די קומענדיקע וואַלן, וואָס רוקן זיך אָן אין די קומענדע חדשים, וואָס איז גלייכצייטיק אַ קאַמף קעגן דער וואַקסנדער טיראַניע פֿון אַ צענטראַליזירטער רעגירונגס־מאַשין, וואָס איז די גרעסטע סטרייק־ברעכערישע אַגענטור אין דער וועלט.

אַ לייבאָר פּאַרטי וואָלט געווען אַ מעכטיק געווער אין די הענט פֿון די אַרבעטער צו קעמפֿן קעגן אינדזשאָנקשאָנס, צו מאָביליזירן די מאַסן פֿאַר אַ מלחמה קעגן דער רעגירונג, וואָס ווערט אויפֿגעהאַלטן דורך די אינדזשאָנקשאָנס. דער קאַמף צו ראַטעווען די טרייד יוניאָנס, וואָס ראַנגלען זיך איצט אין די נעגל פֿון אַ זעלטן שאַרפֿן קריזיס, וועלן אין אַ גרויסער מאָס געהאָלפֿן ווערן דורך דער אָרגאַניזירונג פֿון אַ לייבאָר פּאַרטי. דער קאַמף קעגן אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם, דער קאַמף קעגן דער וואַקסנדער מלחמה־געפֿאַר, דער קאַמף פֿאַר דער אַנערקענונג פֿון סאָוועטן פֿאַרבאַנד. פֿאַר דאָס רעכט צו סטרייקן, פֿאַר פֿרייהייט פֿון רעדע, פֿאַרזאַמלונג, פֿאַר באַלדיקער צייטווייליקער הילף פֿאַר די פֿאַרמערס — אַלע די דאָזיקע פֿראַגן וועלן קומען צום אויסדרוק דורך דער אָרגאַניזירונג פֿון אַ נאַציאָנאַלער מאַסן אַרבעטער פּאַרטיי.

בויט און שטיצט דער וואָרקערס פּאַרטי

אויב עס זאָל ניט אָרגאַניזירט ווערן קיין לייבאָר פּאַרטי, אָדער עס זאָל ניט אויפֿגעשטעלט ווערן קיין פֿאַראייניקטער וואַל־צעטל אין די וואַלן פֿאַר 1928, דאַן איז עס דער חוב פֿון די אַרבעטער צו שטיצן די איינציקע פּאָליטישע פּאַרטיי, וואָס פֿירט ענערגיש די קאַמפֿן פֿאַר אַלע פֿאָדערונגען פֿון אַרבעטער קלאַס — די וואָרקערס (קאָמוניסטישע) פּאַרטיי. די קאָמוניסטן שטייען אָפֿן פֿאַר דעם שטורץ פֿון קאַפּיטאַליזם און די עטאַבלירונג פֿון דיקטאַטור פֿון אַרבעטער קלאַס — פֿאַר אַ רעגירונג פֿון, דורך און פֿאַר׳ן אַרבעטער קלאַס — פֿאַר דער אַנטוויקלונג

פֿון אַ קאָמוניסטישער געזעלשאַפֿט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן.

די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן, אָרגאַניזירט אין דער וואָרקערס (קאָמוניסטישער) פּאַרטיי, אַנערקענען, אַז זיי האָבן אַ לאַנגן און שווערן וועג. מיר ווייסן, אַז קיין איין פֿאָדערונג, אין וועלכער עס זיינען פֿאַראינטערעסירט די אַרבעטער, אַפֿילו די מינימאַלסטע, איז ניט צו קליין, אָדער אומוויכטיק. די קלענסטע פֿאָדערונג, די מינימאַלסטע אינטערעסן פֿון די אַרבעטער זיינען ניט צו אומוויכטיק פֿאַר דער וואָרקערס פּאַרטי און זי איז גרייט צו קעמפֿן פֿאַר דעם. די וואָרקערס (קאָמוניסטישע) פּאַרטיי האָט ניט קיין באַזונדערע אינטערעסן, ווי נאָר די אינטערעסן פֿון אַרבעטער קלאַס; ראַטעווען דעם לעבנס־סטאַנדאַרד פֿון די אַרבעטער, דער קאַמף קעגן רעדוצירן שכירות, דער קאַמף פֿאַר מענטשלאַכע לעבנס־באַדינגונגען, קעגן דער „ספּיד אַפּ“ און שפּיאָנאַזש סיסטעם, פֿאַר ראַטעווען די טרייד יוניאָנס, פֿאַר אַמאַלגאַמיישאָן פֿון די עקזיסטירנדע פֿאַך־יוניאָנס אין מעכטיקע, קעמפֿנדע אינדוסטריעלע יוניאָנס; פֿאַר בויען אַ לייבאָר פּאַרטי, פֿאַר געווינען סטרייקס, פֿאַר אָרגאַניזירן די אומאָרגאַניזירטע, פֿאַר פֿאַרבעסערן די לאַגע פֿון די עקספּלואַטירטע פֿאַרמערס, פֿאַר דער באַפֿרייאונג פֿון די אונטערדריקטע פֿעלקער אין די פֿיליפּינען, צענטראַל און לאַטיינישער אַמעריקע, פֿאַר דער אַנערקענונג פֿון סאָוועטן פֿאַרבאַנד, פֿאַר מאַכן אַ סוף צו דער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליסטישער אויסשפּרייטונג, פֿאַר פּאַראַליזירן אַלע מלחמה־פּלענער פֿון וואָל סטריט — דאָס זיינען די אישוס, אויף וועלכע עס אַפּעלירן די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן צו די מאַסן אַרבעטער און עקספּלואַטירטע פֿאַרמער. אין קאַמף פֿאַר די דאָזיקע אישוס וועלן די אַמעריקאַנער אַרבעטער זיך אויסלערנען צו קעמפֿן פֿאַר גרעסערע, וויכטיקערע און פֿונדאַמענטאַלערע אינטערעסן, פֿאַר דעם פֿולשטענדיקן אומשטורץ פֿון אימפּעריאַליזם און די בורזשואַזע סיסטעם פֿון עקספּלואַטאַציע, און פֿאַרבייטן מיט אַ פּראָלעטאַרישער, אַן עכטער דעמאָקראַטיע פֿון אַרבעטער קלאַס און מיט אַ סאָציאַליסטישער סיסטעם.

די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן ווייסן, אַז זיי האָבן אַ שווערע אַרבעט פֿאַר זיך. די וואָרקערס (קאָמוניסטישע) פּאַרטיי, ווי די אַמעריקאַנער סעקציע פֿון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל,

ווייס, אַז די אינטערנאַציאָנאַלע קאַפּטאַליסטישע סיסטעם איז קראַנק ביז'ן סאַמע מאַרך פון אירע ביינער, ביז איר סאַמע האַרץ און נשמה. הגם פאַר'ן מאָמענט זעט אויס, אַז דער אַמע־ריקאַנער קאַפּיטאַליזם איז צו שטאַרק באַזיגט צו ווערן, מוז מען אָבער געדענקן, אַז דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם איז אַ טייל פון דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. דער איצטיקער פּעריאָד פון אַמעריקאַנער אימפּע־ריאַליסטישער פעסטקייט וועט ניט אָנהאַלטן לאַנג. שוין מערקן זיך וואַקסנדע שוועריקייטן פאַר דעם שיילאָק פון די אימפּעריאַ־ליסטישע גרויסמאַכטן. מיר זעען אַלץ אַ מערערע צאָל פון ווי־דערשפּרוכן, וואָס שוואַכן אָפּ די קאַפּיטאַליסטישע עקספּלואַטאַ־ציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן גיבן זיך אָפּ צו באַגייסטערן און פירן דעם אַרבעטער קלאַס צו יעדן שריט פאָראויס. וואָס גרעסער רער שריט פאָראויס, אַלץ בעסער פאַר די אַרבעטער, אָבער אַפילו דער קלענסטער שריט פאָראויס איז ניט צו קליין. אונזער הויפּט־ציל איז צו אַרבעטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן פאַר דעם אויפבוי פון אַ רעגירונג פון אַרבעטער קלאַס, דורכ'ן אַרבעטער קלאַס און פאַר'ן אַרבעטער קלאַס — אויפ'ן וועג צו פאַרווירקלאַכן אַ קאָמוניסטישע געזעלשאַפט.

אויף דער דאָזיקער פּראָגראַם רופט די וואָרקערס (קאָמוניס־טישע) פּאַרטיי יעדן ערלאַכן אַרבעטער צו הילף. זי בעט די שטיצע פון יעדן באַוואוסטזיניקן פּראָלעטאַריער, פון יעדן אַר־בעטסמאַן און אַרבעטספרוי, וואָס טראָגט כאָטש פיל־ווינציק קלאַסן־שטאָלץ און קלאַסן־אינטערעס ביי זיך אין האַרצן.

אינהאַלט פאַרצייכנים

1טער קאַפּיטל: עקאָנאָמישע און פּאָליטישע לאַגע אין לאַנד.

- א) עקאָנאָמישע לאַגע.
- ב) פּאָליטישע באַדינגונגען.
- ג) די לאַגע אין דער. אַרבעטער באַוועגונג.

2טער קאַפּיטל: פּאָליטישע פּאַרטייען און זייער ראָליע.

- א) רעפּובליקאַנישע פּאַרטיי.
- ב) דעמאָקראַטישע פּאַרטיי.
- ג) סאָציאַליסטישע פּאַרטיי.
- ד) וואָרקערס (קאָמוניסטישע) פּאַרטיי.
- ה) אַנדערע פּאַרטייען, גרופּירונגען אָדער בלאָקס.

3טער קאַפּיטל: אישום אין די וואַלן פון 1928.

- א) דער קאַפּיטאַליסטישער שטאַנדפּונקט: 1. פּראָהיבישאָן; 2. שטייערן; 3. וועלט געריכט; 4. טאַריף; 5. צענטראַ־ליזאַציע פון רעגירונגס מאַכט; 6. קאָרופּציע; 7. פאַרם רעליף.
- ב) דעם אַרבעטער'ס שטאַנדפּונקט: 1. סטרייקברעכערישע רע־גירונג; 2. אינדזשאָנקשאָנס; 3. סטרייק און אָרגאַני־זאַציע; 4. פאַרם רעליף; 5. סאָציאַלע אינשורענס; 6. אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם און די מלחמה געפאַר.

4טער קאַפּיטל: די קאַנדידאַטן.

- א) רעפּובליקאַנישע.
- ב) דעמאָקראַטישע.

5טער קאַפּיטל: צו אַ לייבאָר פּאַרטיי.

- א) פונדאַמענטאַלע באַדינגונגען פאַר אַ לייבאָר פּאַרטיי.
- ב) פאַרוואָס אַ לייבאָר פּאַרטיי אין די פאַראייניגטע שטאַטן.
- ג) אויסזיכטן פאַר אַ לייבאָר פּאַרטיי.
- ד) בויט און שטיצט די וואָרקערס פּאַרטי.

Lovestone, Jay.

DATE DUE

285407

BRANDEIS UNIVERSITY
LIBRARY

די „רויטע ביבליאָטעק" איז אַ סעריע בראָשורן און ביכער פאַר די אידישע אַרבעטער, אַרויסגעגעבן פון דער אידישער סעקציע פון דער וואָרקערס (קאָמוניסטישער) פאַרטיי.

די „רויטע ביבליאָטעק" באַהאַנדלט אַלע וויכטיקע פראַגן פונ'ם פּאָליטישן, געזעלשאַפטלאַכן און קולטורעלן לעבן אין ליכט פון מאַרקסיזם־לעניניזם. זי גיט אַ גענויע באַקאַנטשאַפט מיט אַלע פראַגן פון דער מאָדערנער אַרבעטער־באַוועגונג.

די „רויטע ביבליאָטעק" וויל זיין אַ וועג־ווייזער פאַר די אידישע אַרבעטער אויפ'ן וועג פון זייער קלאַסן־קאַמף.

די „רויטע ביבליאָטעק" ווערט געשריבן לייכט און פאַר־שטענדלאַך.

עס זיינען שוין אַרויס פון דרוק:

1. צען רויטע יאָר
   פון מ. אָלגין. (צום יובילײ פון דער באָלשעוויסטישער רע־וואָלוציע אין רוסלאַנד). פרייז 25 סענט.
2. דער „בונד"
   וואָס ער איז געווען און וואָס ס'איז פון אים געוואָרן, פון שכנא עפּשטיין.
3. 1928, די פּרעזידענט־וואַלן און די אַרבעטער
   פון דזש. לאַווסטאָן.

ס'גרייטן זיך און וועלן דערשיינען רעגלמעסיק:

4. אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג
   פון מלך עפּשטיין.
5. דער קאַמף אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג
   פון פּ. יודיטש.
6. די אַ. פ. אָוו ל. און די קאָמוניסטן
   פון בנימין ליפשיץ.
7. רעוואָלט־מאָמענטן אין דער געשיכטע פון דער אַמע־ריקאַנישער אַרבעטער־באַוועגונג
   פון י. סולטאַן.
8. קונסט און קלאַסנקאַמף
   פון שכנא עפּשטיין.
9. פּראָלעטאַרישע קולטור
   פון מ. אָלגין.
10. קאָאָפּעראַטיוון.
11. ציוניזם.
12. אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם און אימפּעריאַליזם.
13. פּאָליטישע פּאַרטייען אין אַמעריקע.
14. די וואָרקערס (קאָמוניסטישע) פּאַרטיי, איר פאַרגאַנגענ־הייט און צוקונפט.